בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פֿאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
פ' **יתרו** תש"פ
Vol. 7-A
United Jewish Community of Blooming Grove

שבת קודש
פרשת **יתרו**
כ' שבט תש"פ

זמנים
הדלקת הנרות
**5:14**
סו"ז קריאת שמע
**8:55**
זמן מוצש"ק
**6:43**

הצליח ה' את דרכינ"ו:

## תושבי בלומינגראוו באגריסן מיט פרייד און ענטוזיאַזם דעם ווידערערפענונג פון אַזוי-וויכטיגן "שאָרטקאָט", נאָך העפטיגע אינטערווענצן און בוי-ארבעט דורך "יו.זשעי.סי."

**יו.זשעי.סי. דרוקט אויס דאנק פאר די אלע געטרייע אידן וואס האבן געהאלפן צושטאנד ברענגן דעם פראיעקט**

**אב"א אליך וברכתיך: דערפאלגרייכער פראיעקט אונטערגענומען און דערפאלגרייך דורכגעפירט דורך ידידינו הנגיד ר' אברהם אבא גרינהוט הי"ו פון דער באַרימטער "יוניק בילדערס"**

2

## דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכבוד המעש, ידיד נפש כל חי
מוה"ר **הערשל לעווי** הי"ו
געטרייער לאנג יעריגער מעמבער פון "חברה הצלה"
עסקן נמרץ לכל קדשי חצר הקודש צאנז זמיגראד
אקטיווער באורד מעמבער אינערהאלב "יו.דזשעי. סי."

9



הבית הגדול שמגדלין בו תורה ותפלה




## א בליק איפ'ן ביהמ"ד עבודת ישראל קאזניץ

4

במוב צדיקים תעלוז קריה • בעלזן צדיקים רבה תפארת

## פייערליכע שמחת שבע ברכות וועט געפראוועט ווערן לרגל השמחה בחצר הקודש צאנז זמיגראד קומענדיגן מוצאי שבת אין בלומינגראוו

תושבי העיר וועלן זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון האי גאון וצדיק נשגב פאר עירנו כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, לרגל די שמחת נישואי נכדתו בת הדב"נ הגה"צ אבד"ק טעטש שליט"א

19




אלעס ארום פראָפּערטי טעקס ביי אונז אין דער געגנט; אויף וואס איז באזירט די טעקס אפשאצונגען, וואס דארף מען וויסן ווען מען באקומט די טעקס ביללס און וויאזוי מען קען בעז"ה אראפברענגען אומ'יושר'דיגע שטייערן מיט'ן פאראייניגטן כח הרבים אין דער נאנטער צוקונפט

**ליינט קומענדיגע וואך צווישן די שפאלטענעס פון דער שטימע אַן אויספירליכע און העכסט אינפארמאטיווע שמועס מיט הר"ר יואל שווארץ הי"ו, פון די באַרימטע "גלילות ריעלטי"**

### הצליח ה׳ את דרכינ״ו:

# תושבי בלומינגראָוו באגריסן מיט פרייד און ענטוזיאַזם דעם ווידערערפענונג פון אַזוי-וויכטיגן "שאָרטקאָט", נאָך העפטיגע אינטערווענצן און בוי-ארבעט דורך "יו.זשעי.סי."

## יו.זשעי.סי. דרוקט אויס דאנק פאר די אלע געטרייע אידן וואס האבן געהאלפן צושטאנד ברענגען דעם פראיעקט

### אב״א אליך וברכתיך: דערפאלגרייכער פראיעקט אונטערגענומען און דערפאלגרייך דורכגעפירט דורך ידידינו הנגיד ר׳ אברהם אבא גרינהוט הי״ו פון דער בארימטער "יוניק בילדערס"

**בלומינגראָוו. – אַ פריידיגע שטימונג נעמט ארום די הונדערטער משפחות תושבי בלומינגראָוו, ווען מ׳גרייט זיך שוין אויף דעם בעפארשטייענדן שבת קודש פ׳ יתרו ענדליך צוריק צו עפענען דעם אַזוי וויכטיגן "שאָרט קאָט" וואס טראָגט דורך צווישן די "מענגין" און "גרין" גאַסן, וואָס דערמיט ווערן די צוויי געגענטער פון "וואָרלי הייטס" און "קעפּיטאַל היל" באַקוועמליך פאַרבינדן!**

אין דער סאַמע ערשטער נומער פון דער "שטימע" איז אַרויסגעברענגט געוואָרן אז איינס פון די וויכטיגע פּריאָריטעטן ׳אויפ׳ן טיש׳ ביי דער "יו.זשעי.סי." איז דאָס צוריק אַקטיוויזירן דעם שאָרט קאָט וויבאלד ס׳איז געווען פון העכסט-וויכטיגן נחיצות פאַר בלומינגראָווער איינוואוינער.

אַמאָל, בעפאָר דער שאָרטאָט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן צוליב די שוואַכע זיכערהייטס אומשטענדן, פלעגט דאס באניצט ווערן דורך הונדערטער מענטשן, משפחות מיט קינדער, אָבער נאָך וואָס ס׳איז געקומען צו עטליכע אינצידענטן אין ליכט פון די העכסט שוואַכע איינריכטונגען, האָבן די אייגענטימער פון די שטחים וואו דער שארטקאט לויפט דורך דאָס געמוזט אָפּשטעלן צוליב די געפאַרפולע אומשטענדן און כדי צו פאַרמיידן עגמת נפש, וחמירא סכנתא מאיסורא.

נאָכ׳ן הערן אזויפיל פארלאנגען דערוועגן, האָבן די באָורד-מיטגלידער באַשלאָסן זיך אריינצולייגן דערין און טון וואָס נאָר מעגליך אַז דער שאָרטקאָט זאָל צוריק געעפענט ווערן. אין "יו.זשעי.סי." האַלט מען דעם כלל פון "אומר ועושה" אַלס סאַמע פונדאַמענט פון עקזיסטענץ, און ווען ס׳קומט צו טון פאַר׳ן ציבור איז נישטאָ קיין אָפּלייגן, קיין צעגערנישן, נאָר "מ׳טוט צו דער זאַך"!

ווירקליך האָט מען עס גענומען אין די האַנט אַריין. די עסקנים האָבן זיך פאַרבינדן מיט אַלע שכנים און די אייגענטימער פון די פּראָפּערטיס צו הערן זייער זייט, מ׳האָט שטודירט דעם שטח צו זען וואס ס׳דארף געטון ווערן, צונויפגעשטעלט אַ "פּראָפּאָוזעל" און דאן זיך געוואָנדן צו נדיבים און איינוואוינער צו בעטן באַשטייערונגען צו קענען דעקן די קאָסטן פון מאַטריאַל און אַרבעט, וואס איז דורכגעפירט געוואָרן אין די לעצטערע וואָכן מיט גרויס סוקסעס.

מ׳האט סיי אויפגעבויעט דעם דאַך ווי געהעריג, פארפעסטיגט די שטעגן, אינסטאָלירט די צוימען, און אזוי אויך ווערט איינגשטעלט שיינע דויערהאפטיגע לעקטערס עס זאל זיין לעכטיג ווען מ׳גייט אריבער, איבערהויפּט פרייטאָג צונאַכטס און לילי יום טוב, ווען דער אַרום איז שטאָק פינסטער.

עקסטער האט מען געלאזט ברענגען שטיינער צו אויספלאַסטערן די וועג ביז די שטיגן, און די קומענדיג טעג וועט מען עס פּרעסן, אַז עס זאל זיין באקוועם און מסודר צו גיין דערויף און נישט ווערן מאַראַסטיג. אַזוי איז עס ממש אַ געשמאקע און באַ׳טעמ׳טע וועג, נישט צום דערקענען!

## התודה והברכה, צו די אַלע געטרייע נדיבים ועסקָנים

איידער מ׳באַריכטעט די נייעס גופא איז וויכטיג צו דערמאנען לטובה די חשוב׳ע אונטערנעמער, די "ראשונים לדבר מצוה", וואס האבן שוין עטליכע יאר צוריק אויפגעבויט דעם שארטקאט בדמים תרתי משמע, די צוויי חשוב׳ע אידן יראי ה׳ החרדים אל דברו, עושים ומעשים, ה״ה הנדיבים החשובים הרה״ח ר׳ דוד ווייס הי״ו און הרה״ח ר׳ מענדל הכהן ראזענבערג הי״ו,ביידע אידן מיט א הארץ און געפיל צו העלפן בלומינגראוו און האבן חשוב׳ע קינדער תושבים וואס שטעלן אוועק די שיינקייט פון די שטאט.

די צוויי שותפים לבר מצוה האבן אהערגעשטעלט דעם הערליכן פראיעקט לטובת אונזער געגענט, און ס׳איז זיכער אז די זכות המצוה וועט זיי באגלייטן מיט אלע השפעות טובות. ומחיל אל חיל דאַרף מען דערמאַנען, אַז די צוויי אידן שטייען ווייטער גרייט לטובת עירנו און זענען ווידעראמאל געווען בייהילפיג מיט דעם יעצטיגן פראיעקט צו ענדיגן די שארט קאט און פארפולקאמען לטובת התושבים.

וברם יזכר לטובה ולברכה, באַזונדער מוז מען מעלה זיין לשבח ולתהלה ידידינו עוז הרבני הנגיד מוה״ר אבא גרינהוט הי״ו, אייגנטומער פון די בארימטע קאנסטראקשן פירמע ׳יוניק בילדערס׳. ר׳ אבא איז באַקאַנט אין דער אינדוסטריע אַלס געניטער און פּראָפעסיאָנאַלער קאָנטראַקטאָר, וועלכער האָט שוין באַוויזן אויפצובויען הערליכע קאמפלעקסן פון דירות אין דער נישט ווייטער מאנסי, און ווי אויך האָבן שוין פון זיינע מוסטערהאַפטיגע סערוויסעס גענאָסן אַ שיינער צאָל היימישע איינוואוינער דאָהי אין בלומינגראָוו.

אַצינד איז דער געטרייער ידיד נפש כל חי ר' אבא קעגנגעקומען די בקשה פונעם באָורד און איינגעשטימט דורכצופירן די גאַנצע אַרבעט געזעצליך שלא על מנת לקבל פּרס, א נאבעלער שריט אויף וועלכע אלע תושבי העיר זענען אים מכיר טובה, אב"א אליך וברכתיך.

אין לויף פון די לעצטע וואכן האט מען איבערגעדעקט די ביז יעצטיגע טרעפּ מיט א דאך, און געגאָסן ספּעציעלע פּעך דערויף לחסות מזרם וממטר. דאס איז צושטאנד געקומען מיט א נדבה הגונה פון די פּרעסטיזשפולע 'אפּסטעיט רופינג' פּירמע, וואס האט זיך צוגעשטעלט לדבר מצוה צו העלפן תושבי בלומינגראוו.

עס דארף טאקע אויסגעדרוקט ווערן א דאנק פאַר ידידינו היקר נדיב לב מוה"ר בערל שעהנברוין הי"ו, דער אייגענטומער, און הבא על ידו העושה והמעשה מוה"ר וואלף ווערצבערגער הי"ו, וועלכער פּירט דאָס געשעפט, וועלכע האָבן מיט זייער געטריישאַפט צוגעשטעלט די גאַנצע מאַטריאַל און אַרבעט פריי פון אָפּצאָל!

אזוי אויך האט מען געבויעט א זיכערהייטס-צוים ביים ארייננגאנג פונעם שארט קאט. דאס האט מען געדארפט באשטעלן און ס'האט גענומען עפעס צייט ביז ס'איז אנגעקומען. דא דארף מען באדאנקען מעומק הלב נדיב לב מוה"ר משה גרינבערג הי"ו פון 'גרין היללס פענסינג' וועלכער האט זיך צוגעשטעלט בחפץ לב אויף גאר א שיינעם אופן, און אין די יעצטיגע טעג אינסטאלירט מען שוין טאַקע די צוימען אַרום דעם שאָרטקאָט.

## ברכת בעל הבית: א דאנק פאר די געטרייע אייגנטימער

UPSTATE

ROOFING & SIDING

845-781-4848

די פּרעסטיזשפולע 'אפּסטעיט רופינג' פּירמע, וואס האט זיך צוגשעטעלט צו העלפן תושבי בלומינגראוו, און געמאכט די רופינג אַרבעט פריי פון אָפּצאָל

דא איז אין פּלאַץ נאָכאַמאָל צו באַדאַנקען די שכנים הטובים, ה"ה הרבני החסיד מוה"ר שאול יודא מענדלאוויטש הי"ו, און הרבני החסיד מוה"ר אלעזר ווייס הי"ו, וועלכע האָבן בחפץ לבם הטוב איינגעשטימט אַוועקצוגעבן פון זייער שטח און באַקוועמליכקייט לטובת הציבור, שענקענדיג די ערלויבעניש דורכצופירן בוי-אַרבעט, ציען עלעקטעריציטעט און פּערמאַנענט איינשטעלן דאָרט דעם שאָרטקאָט אַלס איינפאַכע טובה פאַר די איינוואוינער, ותשואות חן חן להם.

באַזונדער מוז מען אַרויסהייבן דאָס אָפּפערוויליגקייט פון הרבני ר' שאול יודא הי"ו, וועלכער וואוינט דאָהי' און ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך נישט די גרעסטע באַקוועמליכקייט צו האָבן אַ שאָרטקאָט פאַר'ן רבים ביי זיך אין בעקיאַרד... אָבער והוא באחד, זייענדיג אַן איש החסד, עושה ומעשה, מיט אַן אָפן האַרץ להטיב עם אחרים במעשי הצדקה והחסד, האָט ער מיט זיין גאַנצע משפּחה שיחי' איינגעשטימט צו ווייטער אָנהאַלטן די מעשי החסד פאַר דער גאַנצער שטאָט, און יעצט ווען מ'האט אינטערגענומען דאס פארענדיגן דעם שארט-קאט איז ער ווידער בחפץ לב קעגנגעקומען די "יו.זשעי.

ס'." מיט אַ ברייטהארציגקייט און מיט יעדער סאָרט הילף, ויהוד"א אתה יודוך אחיך!

באַזונדער דאַרף מען אויסדרוקן אַ האַרציגן דאַנק פאַר'ן שכן טוב, האברך היקר והנעלה, פּאר המדה ונועם המעלה, מוה"ר יצחק פעלדמאן הי"ו, וועלכער שטייט מיט זיין גוט האַרץ צו הילף מיט אַלעם וואָס נאָר מעגליך, שטייענדיג פּערזענליך על המשמר מ'זאל אוועקשטעלן דעם שאָרטקאָט מיט ווי עס דארף צו זיין, לטובת דעם וואוילזיין פון אַלע איינוואוינער, ותשואות חן חן לו.

## אַ באַוויז אויפ'ן "כח הרבים"!

אָט דער אויסנאַמליכער פּאָזיטיוועה דורכברוך איז אַ דירעקטער באַוויז אויף דעם ווייטגרייכנדן אַפּעקט פונעם "כח הרבים", ווי ווען דער ציבור נעמט זיך צונויף, מ'גרופּירט זיך אינאיינעם אין פּאָרמאַט פון אַ קערפּערשאַפט, אַז מ'אַרבעט צוזאַמען באחדות לטובת הציבור, דאַן איז נישטאָ קיין אָפּהאַלט אין וואָס מ'קען אַלץ דורכפירן, און בלויז דער ציבור – און יעדער יחיד ויחיד – איז פון דעם נהנה בעזרת ה'.

די עסקנים פון "יו.זשעי.סי." זענען באמת דורכגענומען פון התרגשות אַז מ'קען שוין ברענגען פאַר'ן ציבור די בשורה טובה אַז דער שאָרטקאָט איז צוריק אָפן, זיכער און פּראַקטיש און גוט באַלויכטן, צום באַנוץ פון אַלע בלומינגראווער איינוואוינער בעז"ה, און דאָס גיט דעם חיזוק, די ערמוטיגונג, אַז מ'קען בעז"ה דורכפירן גרויסע פּראיעקטן פאר די שטאט, פאר די איינוואוינער, ווען ס'ווערט דורכגעפירט מיט שכל, מיט אנטשלאסנקייט, מיט אן ערנסטקייט און מיט'ן איינציגסטן ציל פון בלויז דעם תועלת הענין!

**דרכי' דרכי נועם!**

בטוב צדיקים תעלוז קריה • בעלוץ צדיקים רבה תפארת

# פייערליכע שמחת שבע ברכות וועט געפראוועט ווערן לרגל השמחה בחצר הקודש צאנז זמיגראד קומענדיגן מוצאי שבת פ' יתרו אין בלומינגראוו

תושבי העיר וועלן זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון האי גאון וצדיק נשגב כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, לרגל די שמחת נישואי נכדתו בבית חדב"נ הגה"צ אב"ד טעטש שליט"א

ספעציעלע אנווייזונגן לרגל השמחה בבית צדיקים אויף זייט 19

הבית הגדול שמגדלין בו תורה ותפלה



אין א שמועס מיט הרה"ג **רבי מאיר שמילאוויטש** שליט"א

**ראש חבורת "בקיאות הש"ס" ומחשובי מתפללי ומשפיעי ביהמ"ד**

# א בליק איפ'ן ביהמ"ד

# עבודת ישראל קאזניץ

אין די ראמען פון די וועכנטליכע גרוסן און שמועסן איבער בתי מדרשים און קהלות הקודש דורכאויס די לענג און די ברייט פון אונזער שטעטעלע 'בלומינגראוו' האט די רעדאקציע פון דער "שטימע" געהאט די געלעגנהייט צו אפהאלטן אַן אינהאלטסרייכן שמועס מיט איינע פון די געהויבענע ת"ח מתושבי העיר, הרה"ג רבי מאיר שמילאוויטש שליט"א, ראש חבורת בקיאות הש"ס, וועלכע שילדערט אונז זיין בליק און באטראכטונגען איבער דאס בית המדרש המפואר "עבודת ישראל ד'קאזניץ", וואס פונקציאנירט לשם ולתפארת אויף די 'קינגסוויל' גאס, אלס א ליכטיגער צענטער פונקט פאר צענדליגער תושבי השכונה מדי שבת בשבתו.

אין צוגאב צו דעם וואס ר' מאיר שליט"א איז זעלבסט פון די חשוב'ע מתפללים קבועים אין בית המדרש קאזניץ, איז דער ארטיגער ציבור אויך אסאך נהנה פון זיין כח התורה והשפעה, זייענדיג דער מגיד משרים והוצק חן בשפתותיו, וואס איז משמיע מאמרותיו הנעימים צו יעדע געלעגנהייט. איבערהויפט קומט דאס צום אויסדרוק אין די זומער שבתים ווען ער לערנט פאָר פרקי אבות שב"ק נאכמיטאג, מיט א שטארקע בקיאות בכל מכמני התורה און טרעפליכע פערל געדאנקן במילי דאבות, וואס ציעט טאקע א גרויסן עולם מקשיבים פון די גאנצע געגנט און גיט בלי ספק צו א באזונדערע פראכט צום בית המדרש המפואר.

ס'איז אונז דעריבער א פארגעניגן צו טאקע הערן פון ר' מאיר שליט"א עטוואס מער איבער דאס בית המדרש, איר גרינדונג, איר אייגנארטיגע כאראקטער און איר גאלדענע עתיד בעז"ה.

## שלום וברכה.

## צוערשט אויב ס'איז שייך צו שילדערן א שטיקל באריכט איבער דאס השתלשלות פון דעם קאזניצער בית המדרש און איר היסטאריע מאז התייסדותה עד היום הזה ?

ווי דער עולם ווייסט אודאי איז הר"ר משה האלפערין הי"ו, דער בונה ומקים פון דעם מקום קדוש, אייגנטליך נישט בלויז דער מייסד פון דאס בית המדרש, נאר אויך פון די סאמע מייסדים פון אונזער גאנצע געגנט... שוין מיט יארן צוריק, ווען קיינער האט זיך נאכנישט גע'חלומ'ט וואס פארא פאטענציעל דער מקום פארמאגט איז ער געווען דער 'נחשון' וואס האט זיך דא אהערגעצויגן און אזוי, שטיין נאך א שטיין, געהאלפן די אויפבלוה און וואוקס פון בלומינגראוו בתפארתו, ווי מיר קענען עס היינט צוטאגס.

דאס בית המדרש המפואר וואס ער האט אהערגעשטעלט איז אלזא בלויז נאך א 'סערוויס' וואס ר' משה האט געשאנקן פאר די געגנט, אין צוגאב צו זיינע פילע אנדערע לייסטונגען. און אודאי אזוי קוקט מען ארויס אויף די חנוכת המקוה המפוארה וואס איז אצינד אין שוואונג פון בוי - פארשריט, וואס וועט געוויס זיין א געוואלדיגע תועלת פאר אלע ארומיגע שכינים.



סעודת מלוה מלכה געפראוועט אין קאזניץ
הרה"ג ר' מאיר שמילאוויטש שליט"א טרעט אויף



רעדנדיג פון דאס השתלשלות הבית המדרש איז אינטערסאנט צו אנמערקן אז בעצם איז דאס בית המדרש איז שוין אריבער דריי פאזעס, פון עס איז געעפנט געווארן, ווען אלעס איז נאך געווען במתי מעט, ביז'ן היינטיגן טאג ווען עס איז ב"ה א בליענדע בית המדרש לשם ולתפארת.

אנגעהויבן האט זיך אלעס מיט א מנין מצומצם אין דעם 'דיינונג רום'. דאס גאנצע בית המדרש איז דעמאלט באשטאנען פון דעם דיינונג רום טישל מיט עטליכע בענקלעך, וואו עס איז בדוחק געווען פלאץ פאר 10 -15 אידן. און עס האט זיך טאקע נישט אויסגעפעלט מער פלאץ ווייל די געגנט איז נאכנישט געווען אזוי באוואוינט.

א צייט שפעטער האט ר' משה צוגעבויעט און פארגרעסערט דעם צימער אזוי אז ס'איז שוין געווארן א שטיקל הרוחה. ווען איך האב זיך אהערגעצויגן מיט עטוואס מער פון 2 יאר צוריק, איז שוין דאס בית המדרש געווען אביסל גרעסער. אבער אויך דעמאלט איז געווען צייטן ווען מען האט זיך פשוט געמוטשעט מיט מנין, צומאל האט געקענט נאר זיין 9 אידן צום דאווענען און מען האט נישט געהאט קיין מנין.

היינט גלייבט זיך עס קוים אבער מיט אזא קורצע צייט צוריק איז געווען גאנצע תקופות וואס מען האט נישט געדאווענט אין דעם בית המדרש פרייטאג צונאכטס אדער שב"ק אינדערפרי, פשוט ווייל מען האט נישט געהאט קיין מנין, פארשטענדליך אז זומער איז אלס בעסער געווען, ווייל די זומער געסט האבן משלים געווען, אבער אין די ווינטער חדשים איז געווען אן עכטע "והי' ראשיתך מצער".

צוביסלעך איז אבער נתתוסף געווארן ספסלי בית המדרש, עס זענען צוגעקומען פרישע איינוואוינער און דאס בית המדרש האט ב"ה אנגעהויבן בליען.

פאראיאר אין די ווינטער חדשים האט ר' משה דורכגעפירט א ברייטע הרחבת גבולי הקדושה און ארויסגעבויעט דאס בית

המדרש אויף די גאנצע 'פּארטש' אינדרויסן, אזוי ארום אז דער היכל איז כמעט פארדאפלט געווארן מיט א געוואלדיגע רחבות. דאס זעלבע איז אינסטאלירט געווארן פרישע ביה"כ און סינקס וואס איז ביז דעמאלט אינגאנצן נישט געווען.

מען האט טאקע געזען אַן אינטערסאנטע זאך אז באלד וואו מען האט פארדאפלט דאס בית המדרש איז צו דער זעלבער צייט אויך פארדאפלט געווארן דער צאל מתפללים... ווארשיינליך אז ס'איז שוין געווען א פארלאנג דערפאר און דער ציבור האט פשוט געווארט אז מ'זאל זיך אויסברייטערן.

היינט צוטאגס פונקציאנירט דאס בית המדרש מיט צוויי באזונדערע מנינים פאר מנחה און קבלת שבת, וואס איז אראנזשירט געווארן דורך ר' משה נאך א פארלאנג פון די מתפללים, כדרכו צו אהערשטעלן אלעס פאר די באקוועמליכקייט און הנאה פונעם ציבור. שב"ק אינדערפרי שטעלט מען זיך 10 אזייגער און מנחה ושל"ש איז 45 מינוט נאכ'ן זמן עש"ק.

## זייער אינטערסאנט צו הערן! פון וואו קומט דער ציבור מתפללים, די 'קינגסוויל' גאס, וואו דאס בית המדרש שטייט, איז דאך א קליינע 'דעד ענד' מיט נישט צופיל הייזער ?

מען קומט נישט בלויז פון 'קינגסוויל'. דאס בית המדרש איז למעשה דער צענטער פון דער גאנצער ארומיגער געגנט, איבערהויפט פאר די איינוואוינער פון די גאסן 'פּאָרטווארט', 'גאלוועסטאן', 'סאן מארקעס' און אויך פון 'קליף' וואס געפינט זיך נאכ'ן וואלד ביים ווינקל פון מאנטען רד.

נאכמער, שב"ק אינדערפרי זענען פארהאן מתפללים וועלכע קומען אפילו פון 'סירס' און 'גרין' רד., מענטשן האבן הנאה צו קומען דא דאווענען, ס'איז אַן אויסטערליש בא'טעמ'טע בית המדרש מיט אסאך מעלות ברוחניות ובגשמיות און מען איז גרייט אפילו צו כאפן א שפאציר צו געניסן פון דעם געשמאקן מקום תפלה און אלע זענען מלא שבח ותהלה מיט



א בליק אינעם ביהמ"ד בעפאר ארויסבויען אויף מעריב זייט

אמת'ע הכרת הטוב פאר ר' משה אויף זיינע באמיאונגען און געטריישאפט צו אהערשטעלן דעם גאנצן סידורו של שבת אין דעם בית ה' מיט אזויפיל חן און ווארימקייט וואס איז א




שם דבר פאר דער גאנצער געגנט, שכרו הרבה מאוד.

## די איינוואוינער פון 'קליף' וואוינען דאך אויף די אנדערע זייט נענטער צו קרית יואל ?

ס'איז אמת אז די 'קליף' גאס געפינט זיך בעצם נישט אין 'בלומינגראוו' אבער ווי עס שיינט האבן זיי זיך 'מיטגעכאפט' אלס א חלק פון אונזער געגנט... למעשה איז דאס בית המדרש די נאנטסטע צו זייער גאס, ווען זיי קומען אריבער דורך א קורצן 'שארט קאט', וואס איז גראדע לעצטנס פארמאכט געווארן דורך דעם גוי וואס זיין הויז גרעניצט זיך דערמיט, אבער זיי האבן גע'פועל'ט א ספעציעלע ערלויבעניש אויף די 3 תפלות שב"ק.

געוויס דארף מען דערמאנען איינער פון די חשוב'ע מתפללים וועלכער איז אן איינוואוינער פון קליף, הרה"ג איש האשכולות ר' נפתלי יוסף מענדלאוויטש שליט"א, וואס איז אן אמת'ער "נכס" פאר'ן ביהמ"ד און איז אונז אסאך מהנה מיט זיינע הפלא'דיגע דברי תורה מדי שבוע בשבוע ביי שלש סעודות, ווען ער שפרידלט מיט הערליכע ענינים ועובדות מפי ספרים וסופרים מיט זיין געוואלדיגע בקיאות בספרי תלמידי הבעש"ט הק', אזוי אויך איז ער אפט יורד לפני התיבה זייענדיג א ווארימער בעל תפלה בחסד עליון ומהנה את ה' מגרונו.

צומאל האבן מיר אויך צוגאסט דעם חשוב'ן ראש ישיבה פון די ליטווישע ישיבה וואס איז איינקווארטירט אויף 'קליף', הרב מונק שליט"א, וואס איז א געהויבענער און איידעלער ת"ח וירא שמים מרבים. געווענליך דאווענט ער אינאיינעם מיט זיינע תלמידים אין דער ישיבה, אבער אין די צייטן פון בין הזמנים וכדו', קומט ער דאווענען מיט אונז אין קאזניץ. געווענליך מאכט ר' משה האלפרין טאקע זיכער אז דער ראש ישיבה זאל האבן צוגעשטעלט א באזונדערע מנין שב"ק ביי מנחה איידער די שקיעה... אויסער די געווענליכע מנין מנחה בעפאר של"ש.

## וואס וואלט איר געזאגט איז דער

## חידוש וואס דער בית המדרש פארמאגט וואס מאכט עס אזוי אייגנארטיג און ספעציעל ?

קודם דאס בית המדרש גופא איז א שיין און רואיג פלאץ, מיט גרויסע לעכטיגע פענסטער ארויס צו א שיינע פעלד און א געשמאקע וואסערפאל וואס גיט א געוואלדיגע הרחבת הדעת צום דאווענען. דערצו ווערן אלע באדערפענישן און געברויכן געטריי צוגעשטעלט מיט א געוואלדיגע הרחבה און תשואת חן דורך ר' משה, וועלכער טוט אלעס אין זיין מעגליכקייט און גייט פשוט ארויס פון זיין וועג אז יעדער זאל זיך שפירן היימיש און אנגענעם. יעדער מתפלל האט באמת דעם געפיל אז 'ער' טוט א טובה פאר ר' משה אז ער קומט דא דאווענען...

אויך די רוחניות'דיגע ניווא איז מיט א געוואלדיגע שלימות. דער ציבור מתפללים איז אן ערליכער, געשמאקער און היימישער ציבור, און די תפלות גייען אריבער זייער געהויבן און ווארעם. זאל טאקע דערמאנט ווערן לשבח די געטרייע גבאים פון בית המדרש ה"ה הר"ר שמעון ישראל ראטנבערג הי"ו, וועלכער איז עומד על הפקודים מיט די עניני גבאות ביי קריאת התורה וכדו', אינאיינעם מיט הר"ר ישראל קעללער שליט"א. זאל זיי דער זכות באשטיין.

אבער אז איר ווילט דוקא הערן איבער "חידושים", וואלט איך באטאנט צוויי שטארקע חידושים וואס דאס בית המדרש פארמאגט, וואס איז באמת ראוי לשבח ולתהלה.

צום אלעם ערשט, לייגט ר' משה א וויכטיגן דגוש אויף דעם ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען, וואס איז ב"ה דער מציאות אז ס'איז דא א געוואלדיגע רוח פון דאווענען אָן קיין שמועסערייען. עד כדי כך אז כ'ווייס פון אידן וועלכע האבן א באזונדערע ענין צו קומען דאווענען קיין קאזניץ, אפילו זיי וואוינען נישט בשכינות, בלויז פארדעם ווייל זיי ווילן דאווענען אין אזא פלאץ וואו מען שמועסט נישט בשעת דעם גאנצן סדר התפלה.

ס'איז דאך באקאנט די פארכטיגע ווערטער פונעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע אין ספר הק' עבודת ישראל (פרקי אבות פרק ה') אז ווען מען שמועסט ביים דאווענען איז דאס גורם אז אין הימל זאל מען חלילה נישט מקבל זיין די תפלות אויך פון אנדערע אידן וועלכע דאווענען אין דעם זעלבן בית המדרש. נו, האבן מיר דא א ריכטיגער "קאזניצער" בית המדרש... וואו מען פאלגט טאקע אויס דעם הייליגן עבודת ישראל! ס'איז ממש נישטא אזא באגריף ווי שמועסן אינמיטן דאווענען אדער קריאת התורה. ווען מען דאווענט איז דאס גאנצע בית המדרש "דערינען" און אלעס דאווענט מיט.

בדרך אגב, יעדע וואך שב"ק אינדערפרי נאך מוסף, שטעלט ר' משה צו א ברייטן 'קאזניצער' קידושא רבא פאר אלע מתפללים, כידוע די מקובל'דיגע עובדא פונעם קאזניצער מגיד זי"ע איבער דאס ענין פון עסן בצפרא דשבתא א "שלום בית קוגל", וואס העלפט געוויס אויך צו אז דאס דאווענען זאל זיין כראוי, ווייל אז מען ווייסט אז פון דאס גשמיות וועט נישט פעלן האט מען אויך אינזין דאס רוחניות, חציו לה' וחציו לכם...

## טאקע א געוואלדיגע שבח פאר א בית המדרש אז מען איז נזהר אין אזא דבר גדול. און וואס איז דער צווייטער "חידוש" ?

יא, נאך א זאך וואס איך פערזענליך בין זייער נתפעל דערפון, און כ'מיין אז יעדער מתפלל קען דאס מעיד זיין, איז די גוטמוטיגע און פריינטליכע אטמאספערע וואס מען שפירט אין בית המדרש. כ'ווייס נישט וויאזוי ר' משה האט דאס באוויזן אבער עס הערשט צווישן אלע מתפללים אזא ברודערליכע שטימונג ווי איין נאנטע משפחה. מען העלפט זיך ארויס און מען איז זיך משתתף ביי די שמחות מיט א געוואלדיגע אהבה וריעות.

עטליכע מאל אין יאר קומט מען זיך טאקע צונויף בשבת אחים גם יחד. צ.ב.ש. חול המועד סוכות און פורים, ווען ר' משה אראנזשירט הערליכע סעודות און דער ציבור פארברענגט געשמאק בשירה ובזמרה ביז אין די שפעטע נאכט שעות.

ווירקליך הערט מען דאס אסאך פון געסט וועלכע פאלן אריין אין דעם בית המדרש אויף א שבת, וועלכע באוואונדערן אלע די היימישקייט און פריינטליכקייט וואס מען זעט דא.

## דוכט זיך אז דער קאזניצער רבי שליט"א פון וויליאמסבורג קומט אויך ארויס מזמן לזמן צו ווײלן דא אין בלומינגראוו און אנפירן מיט דאס בית המדרש ?

ריכטיג. מיר האבן די זכי' צו האבן דעם קאזניצער רבי שליט"א אין די זומער חדשים, ווען ער שטייט דא איין במשך די גאנצע וואך. ס'איז זיכער אז די אנוועזנהייט פון אזא איד ווי דער קאזניצער רבי שליט"א גיט צו א געוואלד פאר די חן פון דאס בית המדרש. בלויז צו הערן די נעימות'דיגע תנועה "ישמחו במלכותך" שפירט זיך שוין אַן אנדערן טעם אין א שב"ק...

דער קאזניצער רבי שליט"א איז דאך אַן



אנטציקנד בילד ווי דער קאזניצער רבי שקוע בלימוד התורה בין כותלי ביהמ"ד

אמת'ער דמות פון א פארצייטישן חסיד'ישן איד פון פריערדיגן דור מיט א טעם זקנים, און איז גלייכצייטיג א תלמיד מובהק פון רבינו הק' זי"ע, וועלכער האט נאך זוכה געווען זיך צו ווייקן און מיטהאלטן די לעכטיגע "געזונטע יארן" בהלו נרו על ראשינו, וואס ער איז ווייטער דולה ומשקה פאר'ן יונגען דור בכל עת מצוא.

נאכ'ן דאווענען זעט מען טאקע שטענדיג וואו עס גרופירן זיך אידן ארום דעם רבי'ן צו הערן א טייטש פון צדיקים, אן עובדא פון רבי'ן זי"ע, אדער סתם אזוי א גוט ווארט אויף די סדרה, און דער רבי האט טאקע אלעמאל וואס צו זאגן און וואס צו משפיע זיין, פון וואס דער ציבור האט גרויס הנאה. אזוי אויך איז דער רבי משמיע שלש סעודות תורה מיט א גרויס ווארימקייט, איבערהויפט אין די וואכן נאך שבת מברכים אלול, ווען ער איז מעורר לתשובה ולתיקון המעשים במשנתו של רבינו הק' זי"ע.

דעם פארלאפענעם יומא דהילולא קדישא כ"ו אב, איז אויך געפראוועט געווארן א שיינע סעודת הילולא אין בית המדרש, וואו דער קאזניצער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט פארציילט עובדות ועניינים וואס ער האט אליינס מיטגעלעבט בצל הקודש.

## איז דאס בית המדרש אקטיוו אויך אין די ימים טובים און ימים נוראים ?

געוויס. דאס בית המדרש איז ב"ה שטענדיג אפן פאר די תפלות פון שב"ק וימים טובים. די פארלאפענע ימים נוראים איז געווען דאס ערשטע מאל וואס דאס בית המדרש

האט פונקציאנירט במשך אלע הייליגע טעג, ראש השנה און יום הקדוש. די תפלות זענען אריבער אמת'דיג גאר געהויבן, מיט ווארימע בעלי תפלות פון די מתפללי בית המדרש.

(הערת המעתיק: אזוי אויך האט מען געהערט הארציגע דברי כיבושין בעפאר תקיעת שופר און כל נדרי דורך הרה"ג רבי מאיר שליט"א, וועלכער האט זייער אנגעווארעמט די הערצער לתשובה ולתפלה).

### לאמיר אצינד צוגיין צו הערן עטוואס מער איבער די מקוה וואס מען האפט צו באנייען אין דער נאנטער צוקונפט ?

ס'איז שוין א לענגערע צייט וואס די גאנצע געגנט קוקט ארויס אויף א מקוה אין אונזער שכינות. דערווייל שלעפט זיך דער עולם יעדן שב"ק אינדערפרי צו די נעענטסטע מקוה אין בית המדרש מאורות נתן ראדאוויץ, וואס איז א שיינע שפאציר פון אומגעפער 10-12 מינוט אויף א בערגיגן וועג. ווער רעדט נאך ווען מען דארף גיין אזוי אין די קעלט, שניי, רעגן אדער גליטש. און אנדערע גייען גאר ביז בית המדרש צאנז זמיגראד וואס איז נאך ווייטער.



די בור הטבילה שוין געגאסן מיט די גרעסטע הידורים און חומרות

דאס איז זיכער אז ס'איז פאראן א חלל אין דעם ענין און מען קען שטארק נוצן נאך א מקוה דא אין געגנט. דעריבער קוקט מען טאקע ארויס בעינים צופיות אז מען זאל שוין זוכה זיין לברך על המוגמר און קענען מחנך זיין די נייע מקוה פון 'קאזניץ' וואס וועט בלי ספק זיין א געוואלדיגע תועלת פאר די צענדליגער תושבי השכונה.

האמת ניתן להאמר, אז איך, פונקט ווי אלע אנדערע מתפללים, האלטן נישט געניי מיט אלעס וואס עס קומט פאר אונטער די קוליסן פון די מקוה אויפבוי. ווי שטענדיג איז ביי ר' משה גילטיג דער כלל פון "אמר מעט ועשה הרבה".

אזויפיל האט דער ציבור המתפללים יא מיטגעהאלטן אז עס האט געדויערט לאנגע חדשים פון דעליקאטע און קאמפליצירטע ארבעט צו אריינגראבן אין דעם גרויסן שטיין וואס געפינט זיך אונטער דער ערד און צו אינטערפינען דעם בנין פון די מקוה, וואס האט כפי השמועה אפגעקאסט שווערע הונדערטער טויזנטער דאללערן וואס א שיינע טייל דערפון האט ר' משה זיך געלאזט קאסטן, און אודאי קוקט מען ארויס אז אידן נדיבים בעם זאלן זיך ווארעם אנרופן צו האבן א חלק אין די גרויסע זכותים דורך דעקן די אסטראנאמישע הוצאות וואס דאס ציעט אריין למען טהרתן של ישראל.

ב"ה אז דער שווערער טייל איז שוין פאראיבער, און אין א מזל'דיגע שעה האט מען שוין געגאסן די בורות טבילה, וואס וועט בעז"ה זיין רחבות'דיג און געשמאק צוגעשטעלט אויפ'ן זעלבן שטייגער און הרחבת הדעת ווי מיר זענען געוואוינט אויבן אין בית המדרש.

ומכאן הקריאה יוצאת, פאר אידן וואס ווילן האבן די זכי' זיך צו משתתף זיין אין אזא דבר מצוה נשגבה לזכות את ישראל, אז די געלעגנהייט איז יעצט אפן, אין די קומענדיגע עטליכע וואכן, צו אריינכאפן פון דעם קוואל פון ישועות, כידוע די גרויסע הפלגות וואס ווערט געברענגט אויף דעם ענין פון בויען מקוואות, און עד היום הזה זעהט מען אפענע זאכן אין דעם ענין פון מקוה ישראל מושיע ודאי פאר אלע סארט ברכות און השפעות טובות.

עס פריידט צו הערן די שיינע גריסן, און אלעפאלס, צוריק צום ענין ראשון, איז דער וואונטש פון אלע תושבי העיר אז דאס הערליכע בית המדרש זאל טאקע ווייטער בליען לשם ולתפארת און געוויס מצליח זיין מיט דער עבודת הקודש צו מחנך זיין דעם מקום טהרה פאר אידישע קינדער אויפ'ן שענסטן פארנעם ביז משיח'ס טאג במהרה אמן.

## חבורת בקיאת הש"ס

**און אז מען רעדט שוין יא, אויב ס'איז ערלויבט צו פארקירעווען דעם שמועס שלא באותו ענין, אלס דער עומד בראש פון די בארימטע חבורת "בקיאות הש"ס" פאר צענדליגער בחורי חמד מצויינים פון אלע ישיבות אין קרית יואל, וואס פונקציאנירט בעיקר אין די זייטיגע פרייע צייטן פון ערש"ק און שב"ק, וויאזוי פונקציאנירט דאס ווען דער ראש החבורה וואוינט אין 'בלומינגראוו' ?**

זייער פשוט! דערפאר וואוינען מיר דאך אין דעם געגנט וואס איז א שפאן אוועק פון קרית יואל, אזוי אז אויך שב"ק כאפט מען א שפאציר אריין צו לערנען מיט די בחורים. אייגנטליך האבן מיר דא אין 'בלומינגראוו' זעלבסט עטליכע חשוב'ע בחורים מופלגים בתורה וביראה, פון חשוב'ע משפחות תושבי העיר שיחי', וועלכע זענען אנגעשלאסן אין די חבורה און אפט שפאצירט מען אינאיינעם אריין צו די קביעות'דיגע שיעורים וואו מען איז קונה אזויפיל יסודות'דיגע מסכתות בש"ס מיט א קלארקייט און א געשמאק.

בכלליות קען איך מעיד זיין אז אין די לעצטע תקופה, טאקע זינט מען האט זיך באזעצט אין בלומינגראוו, איז די חבורה ב"ה שטארק געוואקסן מיט צענדליגער חשוב'ע בחורים פון אלע ישיבות וועלכע זענען נפשם חשקה בתורה צו אויסניצן ריכטיג די טייערע צייט במשך די בחור'ישע יארן. דאס רואיגקייט און מנוחת הנפש וואס מיר האבן ב"ה דא אין בלומינגראוו איז זיכער אסאך משפיע צו קענען מרביץ תורה זיין במדה גדושה, ווי מען זעט טאקע בחוש אז די בחורי חמד זענען קובץ על יד ירבה, מען שניידט די פרוכט פון די יגיעת התורה און מען פארהערט זיך אויף הונדערטער בלעטער גמרא מיט א געוואלדיגע התמדה עד להפליא.



# דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש, ידיד נפש כל חי

## מוה"ר הערשל לעווי הי"ו

**געטרייער לאנג יעריגער מעמבער פון "חברה הצלה"**

**עסקן נמרץ לכל קדשי חצר הקודש צאנז זמיגראד**

**אקטיוווער באורד מעמבער אינערהאלב "יו.דזשעי. סי."**

**שלום וברכה ר' הערשל הי"ו, עס איז אונז - און פאר אלע תושבי העיר - א פארגעניגן צו הערן פון אייך מהנעשה והנשמע, דעטאלן און פרטים, איבער די הייליגע מיסיע און די ווייטגרייכענדע פעולות פון דער "יו. דזשעי. סי." קאמיטע, למענינו ולמען שכונתינו.**

**אלזא, אלס איינוואוינער אין בלומינגראוו און אלס אקטיווער מיטגלידער אין דער קאמיטע, טיילט אונז מיט אייערע איינדרוקן איבער די הצלחה און דער עתיד פון אונזער באליבטע געגנט ?**

אין די לעצטע אריבער 3 יאר זינט איך האב זיך אהערגעצויגן דא, האט מען מיטגעהאלטן שטאפל נאך שטאפל וויאזוי עס בויעט זיך א אידישע שטאט לשם ולתהלה, איבערהויפט האט מען מיטגעלעבט אויף דער אייגענער הויט פארשידענע אנטוויקלונגען און סוטואציעס בנוגע די באציאונגען פון די ווילעדזש באאמטע צום היימישן ציבור, ב"ה אז אצינד קען מען זאגן, אז מען זעט שוין די ענדע פון דעם טונעל... עס זעהט זיך שוין אויפ'ן האריזאנד א גאלדענע צוקונפט פאר תושבי בלומינגראוו וואס זענען אנגעשלאסן מיט אן אחדות אין די הייליגע מיסיע צו וועקשטעלן דעם עתיד העיר על פי דרך התורה בהוראות הרבנים שליט"א.

במשך די יארן וואס איך בין שוין אַן איינוואוינער דא, אנגעהויבן פון זומער תשע"ז לפ"ק, איז באזונדער אויסגעקומען צו מיטהאלטן פון דער נאנט די אויסטערלישע שוועריגקייטן און קאפ פארדרייעניש וואס די ווילעדזש באאמטע טיילן אויס פאר זייערע אידישע שטייער צאלער. וויפיל עגמת נפש מען האט מיטגעמאכט ווען כ'האב אפגעקויפט מיין אייגענע הויז אדאנק די רשעות'דיגע אינסטאנצן וועלכע זוכן נאר צו לייגן פיסלעך און שטערן דעם אידישן וואוקס.

דורכאויס מיין עקספיריענס מיט די היזיגע ווילעדזש 'אפישלס' איז שטענדיג געווען בולט דער מהלך וויאזוי זיי האבן ארום געדרייט מיט'ן היימישן ציבור דורך א צוויי פנים'דיגע האנדלונג. נעמליך, זיי האבן אנגענומען א שיטה אז מען "קלויבט און וועלט זיך" כסדר פרישע פריינט און פיינט צווישן די אידישע איינוואוינער אזוי אז מען זאל זיי קיינמאל נישט קענען פאָרהאלטן אויף זייערע עוולות.

יעדעס מאל וואס מען איז געקומען מיט א טענה הלמאי מען באקריוודעט אונז, איז גלייך געקומען דער אנטווארט אז "זעהסט דאך מיט יענעם איד זענען מיר יא אין גוטע באציאונגען", ווידעראום ווען יענער איז געקומען מיט טענות האט מען אויסגעדרייט דאס דאשיק און אנגעוויזן אויף א "נייעם" גוטן פריינד מיט וועמען דער ווילעדזש לעבט יעצט גוט. אשר פיהם דיבר שוא וימינם ימין שקר.

אזוי האבן די ווילעדזש באאמטע נאכאנאנד ארומגעדרייט און גע'ספינט' מיט'ן ציבור, און וויפיל מען האט זיך פרובירט דורכקומען און פארהאנדלען איז דאס אלס געווען זייער טאקטיק: צו צעשפליטערן די מיינונגען אז עס זאל נישט זיין קיין קלארע מעסעדזש און קיין פאראייניגטע וויזיע פון אלע אידישע איינוואוינער צוגלייך. וואס האט צום באדויערן געהאט זייער אומבע'טעמ'טע רעזולטאטן פון וואס מיר אלע האבן געליטן.

אט דאס איז טאקע פארוואס דאס התייסדות פון דעם 'באורד' איז געווען אזוי קריטיש וויכטיג און דעצידירנד פאר די גאנצע עתיד פון אונזער ציבור דא אין געגנט. ווי מען זעט עס טאקע בחוש אז די פיינטליכע אינסטאנצן אינערהאלב די ווילעדזשווירטשאפט פרובירן מיט די לעצטע כוחות דאס צו אפשטעלן און ווילן זיך אפילו נישט אראפזעצן רעדן מיט די געטרייע פארשטייער פונעם באורד, און אלעס איז טאקע פאר די סיבה!

זיי ווייסן עס גוט אז איינמאל דער ציבור איז פאראייניגט מיט אן אחדות'דיגן כח, דעמאלט איז געענדיגט אלע תירוצים און שקרים וואס מען פלעגט נוצן זיך צו ארויסדרייען פון פאראנטווארטליכקייט און זיי זענען גוט באוואוסטזיניג אז אין דער מינוט וואס ס'איז אנטשטאנען אזא קאמיטע וואס פארטרעט אלע איינוואוינער צוגלייך וועלן זאכן מוזן אנהויבן פאלן אין פלאץ און דער צוגאנג גייט זיך מוזן טוישן. האפענטליך מיט סייעתא דשמיא און מיט די פאראייניגטע אחדות פון תושבי בלומינגראוו.

**מיט צופרידנהייט האבן תושבי בלומינגראוו פארגאנגענע וואך געליינט אין דער "שטימע" איבער די אקטיווע פלענער און אקטיוועטעטן דורך דעם באורד צו העלפן און צעמענטירן די געטרייע און לעבנסוויכטיגע ארבעט פון דער היזיגער "חברה הצלה";**

**זייענדיג זעלבסט אַן איבערגעגעבענער "הצלה מעמבער" דא אין געגנט, וואס איז אייער עקפיריענס אין דעם הינזיכט ?**

איך קען אייך זאגן איין זאך. עס איז געווען ווערד און כדאי דאס גאנצע התייסדות און עקזיסטענץ פון "יו.דזשעי.סי". אפילו בלויז צו ארויסהעלפן אט די קריטישע 'אישו' פון די "חברה הצלה" ביי אונז אין בלומינגראוו!

איך בין שוין ב"ה אן אקטיווער "הצלה מעמבער" נאנט צו זיבן יאר צום גוטן, אזוי ארום אז באלד ווי מען האט זיך אהערגעצויגן בין איך געווען דער צווייטער "הצלה מעמבער" אין דער גאנצער געגנט, אינאיינעם מיט האברך מוה"ר יושע ליבערמאן הי"ו. שפעטער איז צוגעקומען נאך מעמבער'ס ה"ה העסקן הדגול מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו און האברך מוה"ר אליעזר יחזקאל שווימער הי"ו, וואס טוען אלע א געטרייע און העלדישע ארבעט פון הצלת נפשות עד אין לשער.

און געוויס דארף דא דערמאנט ווערן אז גארנישט וואלט געקענט פאסירן אָן די ווארימע און ברידערליכע הילף פון די "חברה הצלה

ד׳קרית יואל" וואס זענען שטענדיג בייהילפיג און שטעלן זיך צו מיט אן אמת׳ע אידישע געפיל מיט אלעס וואס פאדערט זיך, ועוד ידם נטוי׳ בעז"ה צו ארויסהעלפן די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה.

אלס א "הצלה מעמבער" דא אין געגנט, האב איך עס אליינס צוגעזען און געשפירט, מבשרי אחזה, וויאזוי די היזיגע באהערדע האבן אונז ממש גע׳רודפ׳ט און געשטערט ווען אימער זיי האבן נאר געקענט.

איך האב עס געהאט היבש עטליכע מאל ווען כ׳בין געפארן צו א "הצלה רוף" און די בלומינגראוו פאליציי האט מחליט געווען אז זיי ווילן מיך נאכפארן. איבעריג צו ערקלערן וואס פאר א גוטע געפיל דאס גיט פאר׳ן הצלה דרייווער... אבער אויב דאס איז נישט גענוג האבן די פאליציי זיך אויך אפגעשטעלט אינאיינעם מיט מיר, און מיטגעקומען אין די שטובער וואו מען האט אונז גערופן, כדי צו "זיכער מאכן" אז מיר זענען טאקע געפארן אויף א "קאל" און אז מיר זענען גענוג פאראנטווארטליך צו באהאנדלען די קעיס...

מען דארף פאר קיינעם נישט מסביר זיין וואס דאס מיינט פאר א אידישע היסטערישע מאמע וואס רופט הצלה און אויפאמאל קומט אריין א פאליציי אין שטוב צו באַאָבאַכטן די סצענע, וואס טוט אויף דאס פארקערטע פון בארואיגן דעם אנגעצויגענעם מצב.

צום באדויערן האט דאס פאסירט כסדר, אָן דעם וואס מיר זאלן אפילו קענען ׳קאמפלעינען׳ פאר איינעם דערוועגן.

בכלליות האט מען אונז, די הצלה וואלענטורן, שטענדיג געשטעלט פיסלעך און געמאכט שוועריגקייטן, טראץ דעם וואס בעצם האבן אלע הצלה מעמבערס זייערע אי. עם. טי. לייסענס פון די סטעיט אוו ניו יארק, וואס באדייט אז מיר האבן נישט קיין גרעניצן אדער געגנטער וואו מיר מעגן יא אדער נישט אפערירן, און איבעראל איבער ניו יארק וואו מיר ווערן גע׳דיספעדזשעט׳ קענען מיר קומען און באהאנדלען דעם קעיס, אבער דאס האט נישט אפגעהאלטן די בלינדע שנאה וואס די היזיגע אינסטאנצן האבן ארויסגעצייגן קעגן אונז איינמאל און נאכאמאל.

איך דערמאן זיך יעצט א קליינע מעשה וואס ברענגט גוט ארויס אט דעם מענטאליטעט פון די פיינטליכע באנעמונג צו אונז:

נישט לאנג צוריק איז דא אין בלומינגראוו פארגעקומען אן עקסידענט ווען א נישט אידישער דרייווער איז איבערגעפארן א צווייטן נישט אידישן פארשוין וואס איז געבליבן ליגן באוואוסטלאז אויף דער ערד ה"י.

צופעליג בין איך, אינאיינעם מיט נאך א הצלה מעמבער, דורכגעפארן די סצענע און מיר זעהן אז דער מענטש ליגט אויף דער ערד אין א שווערן מצב, אבער ס׳איז נאכנישט דא קיין אמבולאנס אדער סיי וועלכע מעדיצינישע הילף, בלויז דער פייער טשיף איז דארט געווען. גיי איך ארויס און איך פרעג דעם טשיף צי איך קען אנבאטן הילף, מיר זענען לייסענד אי.עם. טי. און מיר קענען אפשר ראטעווען דעם מענטש, אבער אין

**זיי ווייסן עס גוט אז איינמאל דער ציבור איז פאראייניגט מיט אן אחדות׳דיגן כח, דעמאלט איז געענדיגט אלע תירוצים און שקרים וואס מען פלעגט נוצן זיך צו ארויסדרייען פון פאראנטווארטליכקייט און זיי זענען גוט באוואוסטזיניג אז אין דער מינוט וואס ס׳איז אנטשטאנען אזא קאמיטע וואס פארטרעט אלע איינוואוינער צוגלייך וועלן זאכן מוזן אנהויבן פאלן אין פלאץ און דער צוגאנג גייט זיך מוזן טוישן. האפענטליך מיט סייעתא דשמיא און מיט די פאראייניגטע אחדות פון תושבי בלומינגראוו.**

רעאקציע האט מען אונז פשוט פארשיקט זאגנדיג אז מען דארף נישט אונזער הילף, מען וועט זיך אן עצה געבן אָן אייך...

איך האב דעמאלט נישט געוואוסט אפילו ווי ערנסט דער מצב איז, הערשט שפעטער האט מען געזען אז די רעטונגס אגענטורן וועלכע זענען ענדליך אנגעקומען האבן אריינגערופן א העליקאפטער צו טראנספארמירן דעם געשעדיגטן אין איילעניש, ווארשיינליך איז דאס געווען א ריכטיגע עמערדזשענסי פאל, אבער ווען צוויי אידן האבן פארגעשלאגן אז זיי ווילן העלפן - אין דער צייט וואס יעדע רגע איז קריטיש און קיין אנדערע הילף איז נאכנישט געווען - האט מען אונז פארשיקט. ענדערש זאל דער מענטש אויסגיין אבער מען וועט נישט געבן קיין אנערקענונג פאר די חסידים...

ווי געזאגט איז דאס בלויז א ביישפיל איבער די באציאונג צו "הצלה" וואס האט זיך ליידער אפגערופן אויף אומצאליגע פעלער און עס האט געפאדערט זייער וויכטיג א טויש אויף למעשה.

ב"ה אז דאס איז איינס פון די שענסטע און וויכטיגסטע אונטערנעמונגען דורך דעם ניי - געגרונדעטן באורד וואס האט שוין פאקטיש

אויפגעטון גדולות ונצורות צו טוישן די גאנצע אטמאספערע. מען איז געזיצן אויף מיטינגען מיט אלע עמערדזשענסי פראפעסיאנאלן פון דער ווילעדזש און מען קניפט אָן גוטע באציאונגען וואס וועט בעז"ה ברענגען אַן אויסטערלישע תועלת פאר אלעמען, אז ווען מיר, די הצלה מעמבער, לויפן אויף א קאל, זאלן מיר נישט דארפן זארגן אז עמיצער פארט אונז יעצט נאך...

בנוסף דערצו, האלט דאך דער ציבור מיט די נייעס איבער די צוקונפטיגע פלענער און שתדלנות דורך דעם באורד צו איינרישן א לאקאלע גאראדזש פאר א הצלה אמבולאנס וואס די נחיצות דערפון איז אומבאשרייבליך. ב"ה אז די געטרייע שתדלני הציבור ארבעטן אויף קעסל און כלים און די רעזולטאטן וועלן זיך אנזעהן אויף לאנגע יארן פאר הצלת ישראל אויפ׳ן בעסטן און שנעלסטן וועג.

אזוי ארום אז דאס וויכטיגקייט פון ארויסקומען שטימען אין די בעפארשטייענדע "עלעקשענס" איז עס נישט בלויז א טעמע פון "אידיש געלט" וואס ווערט אפגעראטעוועט, ס׳איז פשוט "הצלת נפשות", דאס געזונט און לעבן פון אונז און אונזערע משפחות, וואס איז אנגעוויזן אויף די סימפאטישע און פריינטליכע באציאונגען אינערהאלב די ווילעדזש אפיס, און מיט די ווארימע אנשלוס פונעם ציבור וועט מען טאקע זעהן גרויסע שינוים לטובה, פאר אונזער אייגענע טובה און וואוילזיין.

**זייער אינטערסאנט צו הערן אזא ערשטהאנטיגע באריכט. לאמיר אצינד אריבערגיין צו דער קומענדיגער טעמע.**

**איר זענט דאך באקאנט מיט זיין עקספערטיז אויף די היזיגע "ריעל עסטעיט" מארקעט זייענדיג א פיליעריגער "בראוקער" פאר הייזער און דירות אין דער גאנצער אומגעגנט, וואס איז אייער בליק אויף ביז יעצטיגע האנדלונג דורך די באהערדע צו אידישע בוי פראיעקטן ?**

ריכטיג. שוין א שיינע שטיקל צייט וואס מיר זענען ב"ה עוסק צו ארויסהעלפן אחינו בני ישראל מיט׳ן פארקויפן און קויפן; פארדינגען און דינגען, הייזער דא אין דער אומגעגנט און איך שפיר טאקע אז ס׳איז וויכטיג צו באטאנען א געוויסע נקודה בנוגע די ענדלאזע שוועריגקייטן, אינטריגעס און שיקאנירונגען וואס מען גייט דא אריבער דורך די באאמטע ווען עס קומט צו בויען דאס מינדסטע.

מען קען צומאל הערן פון מענטשן אז סוף כל סוף קען מען פארשטיין די פילע פיסלעך און סטאפ ארדערס מיט וואס די ווילעדזש רודפ׳ט דעם ציבור, ווייל מיר זענען אליינס שולדיג, מען בויעט נישט גענוג לעגאל א.א.וו.

דער מציאות איז אבער, און דאס קען מעיד זיין יעדער בראוקער און יעדער ריעל עסטעיט אגענט אין די געגנט, אז א ריזיגער פראצענט פון הייזער וועלכע גיין ארויף אויף די מארקעט, האבנדיג באלאנגט פאר נישט אידישע אייגנטומער, האבן גרויסע אומלעגאלע ׳עקסטענטשענס׳ וועלכע זענען געבויעט געווארן אונטער די נאז פון דעם




ווילעדזש אָן קיין שום פערמיטן און אָן קיין שום רעגולאציעס, ואין פוצה פה ומצפצף, מען האט דאס רואיג אדורכגעלאזט אָן קייןווארט.

מען רעדט נישט דא פון מינדערוויכטיגע שינוים, ווי אביסל איבערבויען די קאך אדער צולייגן א ווענטל אין 'בעיסמענט', מען רעדט דא פון געהעריגע גרויסע 'עקסטענטשענס' וואס די געוועזענע איינוואוינער האבן דא געבויעט! און קיינער איז זיי נישט נאכגעלאפן מיט קיין 'סטאפ ארדערס', קיינער האט זיי נישט געֹרודפ'ט מיט אינספעקציעס און קנסות. בלויז ווען דער איד וויל אביסל רענאווירן זיין קאך אדער אביסל 'אָפּגרעידטן' א גאסט צימער, דעמאלט הערט מען פלוצים פון די בילדינג אינספעקטארס וואס לאזן נישט צורוה.

גאנץ לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו זעהן א הויז, וואס געפינט אויפ'ן זעלבן גאס, אין די נאנטע שכינות צום מעיאר, און דאס הויז האט א ווייעלעישאן ווייל דער גוי'אישער אייגנטומער האט דארט ארויסגעבויעט א ריזיגע גאנצע "עקסטענטשאן" אָן קיין שום פערמיט.

ס'איז מיר געווען אזוי אינטערסאנט אז איך האב אפילו געפרעגט דעם מעיאר דערוועגן, וויאזוי קען דאס זיין אז אויף זיין גאס, נעבן זיין הויז, האט זיך געבויעט אזא גרויסע 'עקסטענטשאן' אומלעגאל, וואס יעדער האט געזען און יעדער האט באמערקט אבער מאיזה סיבה האט מען דאס נישט אפגעשטעלט מיט 'סטאפ ארדער'ס', כנהוג אצל אנ"ש. זאגט מיר דער מעיאר אז דאס האט מען געבויעט נאך איידער ער איז געווארן מעיאר... און ער נעמט נאר אחריות אויף זאכן וואס האט פאסירט נאכדעם וואס ער איז שוין מעיאר... פרעג איך אים: דו ביזט דאך שוין דעמאלט געווען א 'טראסטי' און פארוואס האט מען נישט גארנישט געטון ווען דיין שכן האט געבויעט אומלעגאל.

פארשטענדליך אז קיין געהעריגע תשובה איז נישט געווען און ביי דעם איז עס געבליבן.

אין איין ווארט: איך קען מעיד זיין, און אלע וואס טוען אין ריעל עסטעיט זאגן דאס זעלבע, אז אונז אידן, שטעלן זיך נאך דאס בעסטע צו צום געזעץ מיט וואס עס איז נאר שייך, מען פרובירט צו באקומען פערמיטן, מען פרובירט צו בויען לעגאל, אבער צום באדויערן רודפ'ט מען דעם ציבור 'על לא דבר' פאר מינדערוויכטיגע זאכן!

אפילו אזעלכע קליינינגקייטן ווי מאכן א 'געיט' ארום א סווימינג פול, מאכן אַן עירוב, וכדומה, ווערט אפגעשטעלט און אנגעקלאגט, אין דער צייט וואס די אנדערע איינוואוינער האבן שטענדיג געהאט א פרייע האנט צו בויען און זיך ארויסבויען גאנצע געביידעס, אן דעם וואס עמיצער זאל דאס אפילו באמערקן.

און איז עפעס וואס וועט קומען צו אַן אפשטעל בעז"ה ווען דער ציבור וועט אריינוועלן א סימפאטישע ערוויילטע פארטרעטערשאפט אין דעם ווילעדזש אפיס, וואס וועט אונז פשוט לאזן אפאטעמען און וואוינען געהעריג.

מען הערט צומאל א שפראך אז פון די וואלן וועלן נאר בעניפטירן די אידן וואס האבן גרויסע שטחים, וועלכע וועלן קענען בויען מער א.א.וו. דער אמת איז אבער פונקט פארקערט, דאס מערסטע וועט יעדער יחיד פון די תושבי העיר בענעפיטירן פון די קומענדיגע וואלן! יעדער מענטש וואס וויל עפעס צובויען אין שטוב, רענאווירן א בעיסמענט; צולייגן א שטיקל קאך; אדער סתם אזוי האבן אביסל הרחבת הדעת, די אלע וועלן אמבעסטן מרויח זיין פון א פריינטליכע ווילעדזש בעז"ה!

אנשטאט מען זאל דארפן דורכגיין שבעה מדורי גיהנום פאר פערמיטס און פלענינג באורדס, יעדעס מאל וואס מען וויל עפעס רענאווירן אין שטוב, וועט מען האבן א סימפאטישע און צוגעגליכע באהערדע, וואס וועט זיך קימערן מיט אונזערע געברויכן און אונז ערלויבן צו לעבן נארמאל.

און נאכמער. אפילו אויב עמיצער קלערט אז יעצט אויף דער מינוט זוכט ער נישט צו בויען אדער רענאווירן זיין הויז, איז דאך דער מציאות אז די משפחות ווערן ב"ה גרעסער, עס קומט א פונקט ווען מען קען נוצן א שטיקל אויסגעברייטערטע דירה, בפרט ווען מען הייבט אָן חתונה מאכן קינדער און מען וויל קענען אריינעמען א קינד אין שטוב אויף א שבת וכדומה. ס'איז אלזא פאר יעדן'ס אינטערעסע אז מען זאל אויפהערן די זינלאזע רדיפות דירעקט קעגן אונזער ציבור, דורך אריינברענגען א פריינטליכע טויש אין דעם גאנצן ווילעדזש סיסטעם ברוב סייעתא דשמיא.

**אין צוגאב צו זיינע פילע לייסטונגען אין אלע געביטן פון אונזער עיר ואם בישראל, האט ר' הערשל באזונדער די זכי' צו זיין פון די גדולי העסקנים ובריחי התיכון פון דאס בית המדרש המפואר וחצר הקודש צאנז זמיגראד.**

**איבערהויפט אין די זמנים וואס כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א האלט זיך אויף אין דער שטאט איז ר' הערשל זוכה לעמוד לשרת בקודש פנימה מיט א קרבה יתירה, זייענדיג דעם רבי'נס פערזענליכע דרייווער און פון די גאר נאנטע מקורבים ובאי ביתו במשך די גאנצע צייט.**

**אלזא, ר' הערשל, גיט אונז א שטיקל גרוס פון דאס בית המדרש און פון דעם לעכטיגן צאנז זמיגראדער הויף וואס האט מרומם געווען אונזער גאנצע שטאט מיט אזא קדושה און התרוממות ?**

איך דאנק השי"ת אז איך האב די זכי' צו זיין פון די עסקנים אין דעם בית המדרש, וואס איז בפועל דער שיינקייט פון אונזער שטאט זייענדיג דער צענטער וואס ווירבלט ממש רוב שעות היום מיט מנינים און שיעורי תורה עד להפליא.

אין די לעצטע תקופה איז זיך דאס בית המדרש צעוואקסן מיט עטליכע מנינים שחרית פון זעקס אינדערפרי ביז אין די שפעטע פארמיטאג שטונדן, דאס זעלבע איז פארהאן עטליכע מנינים מנחה מעריב יעדן אווענט. א הערליכע מקוה וואס ווערט באנוצט דורך רוב תושבי השכונה מדי יום ביומו און הערליכע שיעורי תורה דורך חברותות און דורך מגידי שיעור שליט"א. און ווי קען מען פארגעסן פון דעם געשמאקן "זמיגראדער קאך" דורך דעם באליבטן משמש ר' לייבל הערשקאוויטש הי"ו וואס איז שטענדיג גרייט זיך מיט זיין שמייכל פאר יעדן מתפלל.

והעולה על כולנה, האט אונזער געגנט באקומען אן אמת'ע מתנה, בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה זיוה ותפארתה, מיר האבן ב"ה די זכי' צו האבן בתוכינו דעם צדיק נשגב, כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, וואס האט ממש אויפגעהויבן די שטאט מיט זיין כח הקדושה וצדקות ווען מען ווארעמט זיך ביי די הייליגע תפלות און ווארימע טישן און יעדער האט די זעלבע הרגשה פון "איש קדוש עובר עלינו תמיד", בפרט אין די זמני קודש ווי א' סליחות, יום טוב סוכות, חנוכה, א.א.וו. ווען מיר האבן די זכי' צו מיטלעבן די לעכטיגע עבודת הקודש וואס הייבט אויף יעדן מיט א העכערקייט און א תענוג רוחני.

בכלליות, ווען דער רבי שליט"א איז בתוכינו איז מקום משכנו באלאגערט מיט אידן פון אומעטום וואס קומען זיך מסתופף זיין בצל הקודש און זיך מזכיר זיין בדבר ישועה ורחמים, אסאך תושבי העיר האבן שוין מיטגעלעבט גרויסע ישועות און דברים נפלאים בכל הענינים. עס לאזט זיך זאגן אז דאס אליינס אז דער רבי שליט"א האט אויסגעוועלט זיך צו באזעצן דא אין בלומינגראוו זאגט פאָר די שיינענדע און בליענדע עתיד פון אונזער געגנט בעז"ה.

בפרט האבן מיר די זכי' אז כ"ק אדמו"ר שליט"א באגלייט בפועל די הצלחה פון דער שטאט, ער זארגט זיך און פאראינטערעסירט זיך כסדר איבער די אנטוויקלונגען און מוטיגט די עסקנים מען זאל פאראויסגיין מיט די נויטיגע דרכי שתדלנות לטובת הציבור ובפרט ביי די קומענדיגע וואלן סעזאן. מען זעהט ממש בחוש דעם "וירד משה מן ההר אל העם", ווען דער רבי איז פערזענליך עוסק צו באגלייטן יעדע דעטאל פון די עבודת הקודש פון דעם 'באורד' אויף טריט און שריט און גיט אוועק פון זיין הייליגע צייט צו מדריך זיין די עסקנים בעצה ותושי' ובברכת קדשו שלא ישוב ריקם בעז"ה.

ווי איר האט עס דערמאנט האב איך ב"ה די געלעגנהייט אסאך צו זיין במחיצתו פונעם רבי'ן שליט"א, סיי אין שטוב און בפרט ובלכתך בדרך אויף די וועגן זייענדיג אין דער קאר. אזוי ארום איז במשך די לעצטע תקופה מיר אויסגעקומען מערערע מאל צו הערן קלארע און פייערדיגע ווערטער פונעם רבי'ן שליט"א איבער די אויסטערלישע חיוב און אחריות וואס ליגט אויף יעדן תושב העיר צו ארויסגיין שטימען פאר די אינדארסירטע קאנדידאטן דורך "יו. דזשעי. סי", וואס עס איז קענטיג אז עס גייט דעם רבי'ן ממש בנפשו למען עתיד העיר.

נאך מיט א צייט צוריק האט מיך דער רבי שליט"א עטליכע מאל געפרעגט: "פארוואס וועלט מען נאכנישט אריין קיין היימישע ווילעדזש?", און גאנץ לעצטנס ווען מען האט זיך ב"ה צוזאמענגענומען מיט א פאראייניגטע כח דורך אלע תושבי העיר, האט מיר דער רבי כמה פעמים געזאגט: "זאג אין מיין נאמען, אז ווער עס העלפט נישט ארויס, און ווער עס שטעלט זיך נישט צו מיט'ן אריינוועלן א אידישע ווילעדזש איז עובר אויף "לא תעמוד על דם רעך"!

דער רבי האט זיך דערביי מתמרמר געווען: "וויפיל רדיפות און צרות זיי טיילן דא אויס פאר'ן רבים און פאר'ן יחיד, איז זיכער אז ס'איז לא תעמוד על דם רעך ווען מען העלפט דאס נישט".

איז טאקע א דבר בעתו צו מעתיק זיין לשון צדיק, וואס כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א האט געזאגט מיט אן אש קודש בביתו נאוה קודש, דעם פארלאפענעם זאת חנוכה העעל"ט, אין דער אנוועזנהייט פון עסקנים ורבני העיר שליט"א. פאלגענד איז די ווערטער מלה במלה וויאזוי ס'איז פארשריבן געווארן פון דעם רעקארדירונג, וזל"ק:

**"יעדער איד דארף זיך רעגיסטרירן און ארויסגיין שטימען! די נקודה איז נישט וויפיל ס'איז געצויגן די פראצענט אידן יעצט, די נקודה איז ווען די באהערדע וועלן איינזעהן אז די איינוואוינער און דער צוקונפט באשטייען פון רוב אידן וועלן זיי מער נישט זיין אזוי חוצפה'דיג צו די איינוואוינער, זיי פייניגן דא.**

**"און אז א איד גייט נישט דערמיט איז ער עובר אויף "לא תעבור על דם רעך"! ווען זיי קענען ווען וואלט זיי געוואלט ארויס טרייבן פון דא אלע אידן.**

**"דאס ביהמ"ד (צאנז זמיגראד) איז א נס, "נתת ליראיך נס להתנוסס מפני קושש סלה", ווייל נאכדעם קען מען נישט בויען דא סתם אזוי קיין בתי מדרשים. עס דארף זיין אנדערע בתי מדרשים אויך, אלע בתי מדרשים דארפן קענען וואקסן. זיי ווילן נישט, די גוים דא זענען רשעים גמורים, מ'זאל נישט מיינען אז זיי ווילן עפעס טוהן גוטס, זיי ווילן נאר ארויסטרייבן די אידן, זיי ווילן נאר אויסרייסן, זיי פארטראגן נישט דעם איד, זיי פארטראגן נישט אז ס'איז דא א קרית יואל, און אז ס'וועט צוקומען נאך א שטעטל אויבעט קעמפן זיי מיט רשעות אָן קיין ציל."**

רבינו שליט"א האט זיך דאן געוואנדן צו די אנוועזענדע רבני העיר ועסקנים: **"איר זאלט זאגן פאר אלע אידן, אז א איד גייט נישט וועלן איז ער עובר אויף "לא תעבור על דם רעך!". מ'האט געשטאכן אידן די נאכט, (דהיינו די ביטערע אטאקע אין מאנסי), דער מעיאר וויל שטעכן אידן, מ'טאר אים נישט האבן און מ'דארף אים ארויסוועלן."**

דאן, ווען עטליכע האבן פרובירט צו זאגן אז עס וועט זיין אזעלכע וועלכע וועלן זיך נישט וועלן צושטעלן צו דעם כח הרבים האט דער רבי שליט"א איבערגע'חזר'ט: **"איך זאג נאכמאל אז א איד גייט נישט גיין וועלן פאר א איד איז ער עובר אויף לא תעבור על דם רעך".**

און דער רבי האט ממשיך געווען זאגנדיג בלש"ק: **"אז ס'האנדלט זיך פון דעם ישוב דא קען מען נישט קוקן אויף די אלע חששות, מען דארף גיין שטימען פאר א איד. דער כלל איז "מהרסיך ומחריביך ממך יצאו", ס'איז אלץ דא די פאר מחוצפים און מ'קען זיך נישט רעכענען מיט זיי. קען מען דען געטרויען א גוי ? מען קען זיי נישט געטרויען. אשר פיהם דיבר שוא, ענדערש נעמען א איד. מיר מוזן זיין צוזאמען און אריינשטעלן א איד."**

און כ"ק אדמו"ר שליט"א האט דאן געוואונטשן מברכותיו הטהורים אז מען זאל זוכה זיין צו א גוט קוויטל און אלע השפעות לטובה.

**ואת קולו שמענו מתוך האש! א גרויסן יישר כח ר' הערשל פאר'ן מעתיק זיין די הייליגע און אויפטרייסלענדע ווערטער איבער דעם חובת השעה און די געוואלדיגע אחריות אין אזא קריטישע מאמענט.**

**ס'איז טאקע דער וואונטש פון אונז אלע אז "עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים", מיר זאלן נאך לאנגע יארן קענען זיך מתחמם זיין לאורו הבהיר פונעם רבי'ן שליט"א, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא עד ביאת הגואל אמן.**

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosbrough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Kraus**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

**אין די טעג איז אָנגעקומען דאָ פאַר די איינוואוינער אין בלומינגראָוו א בריוו פון דער לאקאלער "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" צו אַפּלייען פאַר באָס סערוויס טראַנספּאָרטאַציע**

**און פילע איינוואוינער האבן אריינגערופן אין די אפיסעס פון יו.זשעי.סי. אנצופרעגן דעטאַלן בנוגע וויאַזוי צוריקצושיקן און ריכטיג אפּלייען, ווילן מיר דא מעלדן געציילטע וויכטיגע אָנווייזונגען.**

## יעדן יאָר – יעדעס קינד

זייט פארזיכטיג אז די אפּליקאציע מוז מען באַנייען **יעדן יאָר** פאר **יעדעס קינד** כדי מ'זאל זיין קוואַליפיצירט פאר די הילף מיט טראַנספּאָרטאַציע.

## דעדליין צוריקצושיקן

די אַפּליקאַציע מוז ווערן צוריקגעשיקט בעפאָר קומענדיגן, **אַפּריל דעם ערשטן**. אויב קומט עס אָן נאָך דעם דעדליין, האט איר פארלוירן די מעגליכקייט נאך צו קענען געניסן פון די הילף אויף דעם לערן-יאָר.

## צו באַקומען אַן אַפּליקאַציע

אויב האט איר צוליב וועלכע סיבה נישט דערהאלטן קיין אפּליקאציע, האָבן מיר ערלעדיגט לטובת די חשוב'ע איינוואוינער אַז

- **ס'וועט זיין צו באקומען אפּליקאציעס אין די גרעסערע בתי מדרשים דאָ אין שטאָט, אינאיינעם** מיט ספּעציעלע אנווייזונגען וויאזוי עס צוריקצושיקן.
- ווי אויך האבן מיר צוגעשטעלט די אפּציע, צו **קענען באקומען די אפּליקאציע אויף "אימעיל"**, וואו איר קענט עס אליין ארויסדרוקן און צוריקשיקן, לויט אייער באקוועמליכקייט. צו דערהאלטן די אפּליקאציע אין בליץ-פאסט, ביטע רופט אריין אין "יו.זשעי.סי.", אָדער שיקט אַן אימעיל צו:

info@UJCofBloomingGrove.org

## ווער איז באַרעכטיגט

**יעדער איינוואוינער** פון די געגענט איז בארעכטיגט פאר סקול דיסטריקט טראנספּארטאציע-הילף פאר זיינע קינדער, אפּגעזען ווי לאַנג מ'וואוינט דאָ, אדער פינאנציעלע מעגליכקייטן.

צו קוואַליפיצירן פאַר הילף דאַרף אייער קינד זיין כאָטש "5 יאָר" ביז קומענדיגן דעצעמבער דעם ערשטן למספּרם.

### נייע אַפּליקאַנטן - זייט אויפמערקזאַם:

אויסצופאָלגן די ספּעציעלע אָנווייזונגען צו קענען סוקסעספול אַפּלייען פאַר טראַנספּאַרטאַציע הילף און דורכפירן אייער באַשטעטיגונג צו געניסן פון די סקול-דיסטריקט הילף צו באַצאָלן די באָסעס פאר אייערע קינדער

לויט די רעגולאציעס פון דער סקול דיסטריקט דארפן די וואס אפּלייען צום ערשטן מאל פּערזענליך אראפּגיין צום סקול דיסטריקט אָפיס אַדורכצופירן דעם פּראָצעדור. שפּעטער, ווען ס'קומט צו ווערן באַשטעטיגט יערליך, איז גענוג ווען מ'שיקט צוריק די אפּליקאציע אויף דער פּאָסט אא"וו.

## סקעדזשולען אַן אפּוינטמענט

איר דאַרפט צום ערשט רופן סקעדזשולן אַן אפּוינטמענט מיט מס. סאַנטזשעס פונם סקול דיסטריקט אָפיס אויפ'ן פאלגענדן נומער 845.497.4046

## די אפּוינטמענט

אינעם טאג און צייט פון אייער באשטימטע אפּוינטמענט וועט איר דארפן פּערזענליך אראפּגעבן צום פּאָלגענדן אַדרעס

52 West Main St. Washingtonville NY

וואו זיי וועלן אייך בעטן די דאָקומענטן, אויספרעגן אייניגע דעטאַן, איר וועט דאַרפן אונטערשרייבן אויף פּאַפּירן און דערמיט אריינגעבן די אפּליקאציע.

## דאָקומענטן

צום אפּוינטמענט דאַרפט איר מיטברענגען די פאלגענדע דאָקומענטן:

בוירט סערטיפיקעט פאַר יעדן קינד.

און א פּרוף אף רעזידענץ: דאס קען זיין א טעקס ביל, וואסער ביל אדער יוטיליטי ביל, אויב דינגט איר: ליעס / רענט אגרימענט

אויפמערקזאַם!

אָן די נויטיגע דאקומענטן וועלן זיי נישט פּראָצעסירן די אפּליקאציע. דעריבער, בעפאר איר לאָזט זיך ארויס צום אפיס, מאַכט זיכער אַז איר האט אלע נויטיגע דאקומענטן מיט אייך.

## ערלעדיגט עס בצײַטנס!

## מאכט זיכער איר פארשפּעטיגט נישט דעם דעדליין כדי צו קענען געניסן פון א באדייטנדע אומזיסטיגע הילף א גאנץ יאר!

**פאר סיי וועלכע אנפראגע און הילף קענט איר שטענדיג רופן צו אונזער אפיס מיר וועלן זיין צופרידן אייך ארויסצוהעלפן.**

מיט שעצונג, **די פארוואלטונג**

# אַפּדעיטס און אָנווייזונגען

בנוגע די

**טראַנספּארטאַציע-אַפּליקאַציע**

פון דער לאָקאַלער "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט"

**צייט סענסיטיווע אינפאָרמאַציע**


WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT
APPLICATION FOR TRANSPORTATION
Based Upon Section 3635 of the Education Law for Transportation
Requests for Transportation Must Be Made BY APRIL 1st, 2020
I HEREBY REQUEST TRANSPORTATION FOR THE 2020/2021 SCHOOL YEAR FOR MY CHILD NAMED BELOW:
Name of Pupil ____ DOB ____ Sex ____
Ethnicity ____
Street Address ____
Names of Parents/Guardians ____



אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...

# השתלשלות השתדלנות

## בתחנונים ידבר רש; דאס געבעט וואס איז קיינמאל נישט געענטפערט געווארן

ווי ערוועהנט אין דעם קאלום, פאראנגעגאנגען וואך, זענען די געטרייע שתדלני הציבור ארויס פון וועג מיט אלע דרכי השתדלות צו פרובירן פועל'ן אז דער מעיאר זאל יא מסכים זיין צו רעדן מיט אונז איבער די אקטועלע טעמעס פאר'ן היימישן ציבור, דורכאויס דעם געפלאנטן זיצונג אינאיינעם מיט'ן פאליצי טשיף. א בקשה וואס איז צום באדויערן צוריקגעוויזן געווארן אויפ'ן שארפסטן פארנעם.

למעשה, איז דער זיצונג מיט'ן פאליצי טשיף טאקע אריבער שטארק פראדאקטיוו, ווען עס איז מיט אים איבערגעשמועסט געווארן מיט גרויס ערפאלג מערערע וויכטיגע דעטאלן אין דעם געביט פון 'סעקיורעטי' און צו פארזיכערן א געזונטע צוזאמענארבעט צווישן די אידישע תושבים מיט די געזעץ היטער אין ווילעדזש, פאר די זיכערהייט און צופרידנהייט פון אלעמען.

אינגאנצן אנדערש איז אבער געווען די באציאונגען פונעם מעיאר, וועלכער איז אויך אנוועזנד ביי דעם מיטינג צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן ווי דערמאנט, אבער איז במשך דער גאנצער צייט געזיצן שטיל, נישט לאזנדיג ארויפברענגען קיין שום טעמע וואס קען בייהילפיג זיין א פארשטענדעניש פון דעם ווילעדזש מיט אונזער קאמיוניטי.



From: "Joel Stern" <BoardRep@UJCofBloomingGrove.org>
Date: Tue, January 07, 2020 11:41 am
To: "Mayor" <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>

Good Afternoon Mr. Mayor,

It was nice meeting with you this morning.

As discussed, I'm reaching out to you once again and for the 6th time on behalf of the Jewish Community to ask for a one-on-one meeting where all we want to accomplish is to "Listen" to what you have to say, we want no promises or guarentees, this is just a casual meeting of good faith and understanding and we do not expect to get anything out of it with the exception of understanidng where we stand on the issues that are in litigation.

Once this meeting takes place and we fully understand each other, we can then see if it makes sense to involve legal counsel and settle on the sidelines, at this meeting we can also discuss your Election Campaign and agenda and what you would like to propose for the Jewsih Community as part of your Re-Election campaign.

Let's be clear, the Jewish Community to is here to stay and wants to be good neighbors and live in harmony and peace, we do not ask for any special rights or special treatment, all we want is to have the same rights as, and be treated with the same fairness as all of the other residents of the village.

I recommend for the best outcome that this meeting take place between the two of us. I look forward hearing from you on available dates and times.

Thank you

Joel Stern
Community Board Representative

Mobile - 347.408.5225
Email - BoardRep@UJCofBloomingGrove.org

-------- Original Message --------
Subject: RE: UJC Introduction Meeting
From: Mayor <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Date: Wed, December 11, 2019 12:08 pm
To: Joel Stern <BoardRep@UJCofBloomingGrove.org>, John Ross
Cc: Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>, Blooming Grove PD Police
<jross@villageofsouthbloominggrove.com>
<chief@bloominggrovepolice.com>

Dear Mr. Stern,

Thanks for your e-mail. My position is stated in my prior e-mail.

Best regards,

James A. LoFranco
Mayor

Village of South Blooming Grove
P.O. Box 295
Blooming Grove, New York 10914
(845) 782-2600
(845) 782-2601

נאך אזויפיל פרובירן און אנווענדן אלע סארט בקשות צו טרעפן אפענע אויערן ביים מעיאר, האט מען זיך דערזעהן ביי א טעמפן ווינקל, אין א סיטואציע וואו די אידישע שטייער צאלער ווערן פשוט און פראסט איגנארירט און בא'עולה'ט, אַן אפילו האבן די מעגליכקייט צו הערן אדער זיך דורכרעדן וויאזוי מען קען דאס טוישן! דאן איז געקומען דער פונקט ווען די געטרייע שלוחי הציבור האבן אנערקענט אז ס'איז געקומען די צייט צו זוכן נייע גוי'אישע קאנדידאטן, וועלכע זאלן זיין גרייט זיך צו פארמעסטן אויפ'ן מעיאר אמט און וועלן פאסיג פארטרעטן אונזער ציבור מיט יושר און גלייכע רעכטן.

מיט אַן אחריות און א כובד ראש האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף די שווערע אבער הייקעלע מיסיע, צו אנקניפן באציאונגען און טרעפן פריינטליכע און סימפאטישע קאנדידאטן וואס זאלן זיין גרייט צו לויפן אויף די ווילעדזש פאזיציעס. ווי שוין באריכטעט צווישן די שפאלטענעס פון דער "שטימע" פרשת ויחי העעל"ט, זענען די איבערגעגעבענע 'באורד' מיטגלידער דאן געשטאנען אין פארבינדונג מיט א צאל מעגליכע קאנדידאטן וועלכע זאלן זיין פאסיג פאר די בעפארשטייענדע וואלן סעזאן.

מיט עטליכע וואכן דערויף, איז צופעליג אויסגעקומען פאר איינער פון די געטרייע באורד מעמבער, צו ערלעדיגן א זיינס א פריוואטע באדערפעניש אין דעם 'ווילעדזש האל'. ווען ער איז אנגעקומען דארט איז ער באלד ווילד באפאלן געווארן דורך דעם מעיאר, וועלכער האט אים באזידלט מיט געמיינע אויסדרוקן, פארוואס

דער באורד טרויעט זיך צו גיין זוכן נייע גוי'אישע קאנדידאטן, וועלכע זאלן לויפן ביי די קומענדיגע עלעקשאנס.

ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט, איז עס געווען איינע פון די פאטענציעלע קאנדידאטן, א גוי'אישע פרוי, מיט וועמען מען האט גערעדט איבער א מעגליכע קאנדידאטור, אבער יענע האט נישט מסכים געווען און איז גאר געגאנגען איבערפארציילן פאר'ן מעיאר אז דער 'באורד' קוקט זיך אום צו טרעפן פרישע קאנדידאטן פאר די ווילעדזש פאזיציעס. הפנים, אז דער מעיאר האט עס נישט געשמעקט, און כאן' מצא בעל חוב מקום לגבות את חובו דורך זידלען און אטאקירן...

דער באורד מעמבער האט דאן פרובירט צו ערקלערן פאר'ן מעיאר אז נאך אזויפיל וואכן און חדשים וואס אלע ״ערליי שתדלנות און ביטעס און פלעט אויף טויבע אויערן און מען איז נישט גרייט אפילו צו זיצן און אונז אויסהערן, איז דאך בלויז פארשטענדליך אז מיר זאלן זוכן אזעלכע קאנדידאטן וועלכע זאלן יא זיין פריינטליך צו אונזערע אינטערעסן. דער עסקן האט "דערביי" ווידער באטאנט אז אדרבה, אויב דער מעיאר איז וויליג זיך צו טרעפן מיט אונז זענען מיר פארשטענדליך שטענדיג גרייט דערצו און מיר קוקן נאך אלס ארויס דערויף, פאר א פרידליכע צוזאמענארבעט.

אויך די באגעגעניש האט זיך געענדיגט מיט קיין זאכליכע רעזולטאטן, ווען דער מעיאר איז ווייטער געבליבן אנטשלאסן אז ער איז נישט גרייט צו הערן וואס זיינע אידישע איינוואוינער האבן צו זאגן און ער וויל דירעקט זיך שלאגן מיט אונז בלויז אין געריכט.

טראץ דעם אלעם, און אפגעזען פון די פערזענליכע ווייטאג, אנטוישונג און פראסטראציע, האט מען זיך יענעם נאכמיטאג ארויסגעזעצט און ווידעראמאל געשיקט א רעספעקטפולען אימעיל וואו מען אפעלירט און צום 6'טן מאל!, אז מיר האפן און קוקן ארויס פאר א פריוואטע מיטינג מיט'ן מעיאר, וואו מיר זאלן זיך קענען צונויף רעדן בדרכי נועם.




**אין דעם אימעיל ווענדט זיך דער 'באורד' מיט א בקשה, ובתחנונים ידבר רש: "אלעס וואס מיר ווילן ערררייכן איז בלויז צו 'הערן' וואס דער מעיאר האט צו זאגן. מיר דארפן נישט קיין הבטחות אדער גאראנטיעס."**

דער באורד ערקלערט אז מיר זוכן בלויז א רואיגע באגעגעניש וואו מען זאל זיך קענען פארשטענדיגן. מיר פארלאנגען נישט גארנישט בלויז צו פארשטיין ווי מיר האלטן מיט די טעמעס וואס זענען ארײנגעשלעפט געווארן אין געריכט! נאכדעם וואס אזא מיטינג וועט דורכגיין און וועט מען זיך האפענטליך פארשטיין איינער דעם אנדערן, וועלן מיר דעמאלט קענען זען אויב ס'איז שייך צו אריינעמען אויך לעגאלע הילף צו פרובירן 'סעטלען' די טעמעס אינדרויסן פון געריכט. ביי דעם מיטינג זענען מיר אויך גרייט צו דוסקוסירן די 'עלעקשאן' קאמפיין און די אגענדע וואס דער מעיאר וויל פארשלאגן פאר די אידישע געמיינדע אלס טייל פון זיין רע-עלעקשאן קאמפיין.

דער אימעיל ענדיגט זיך מיט די הארציגע בקשה: "לאמיר זיין קלאר, די אידישע קאמיוניטי איז דא צו בלייבן און מיר ווילן זיין גוטע שכנים, מיר ווילן לעבן אין הארמאניע און שלום, מיר בעטן נישט פאר קיין שום ספעציעלע רעכטן אדער ספעציעלע באהאנדלונגען, אלעס וואס מיר ווילן איז די זעלבע רעכטן און צו ווערן באהאנדלט מיט די זעלבע יושר ווי אלע אנדערע איינוואוינער אין דער ווילעדזש."

**טא דער אימעיל, טייערע אידן, איז פשוט קיינמאל נישט געענטפערט געווארן!**

**דער מעיאר האט איינפאך נישט גענומען די מיה צו רעאגירן אויף אונזער געבעטס!**

**עד היום הזה איז נאכנישט ערהאלטן געווארן קיין אנטווארט אויף די איינפאכע בקשה פון אידן אין בלומינגראוו, וואס ווילן לעבן בשלום ובשלוה, און קוקן ארויס אז עס זאל שוין נעמען אַן ענדע צו די רדיפות אויפ'ן יחיד און אויפ'ן רבים, אבער זייער בקשה ווערט טאטאל און פולקאם איגנארירט, כאילו זיי וואלטן אינגאנצן נישט עקזיסטירט דא אין געגנט.**

6

# בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאווישט"א

## מוה"ר חיים הערש ליימזידער שליט"א

לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

### אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכנים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.

**הרה"ח רבי חיים הערש שליט"א שילדערט אונז ווייטער די אינטערסאנטע השתלשלות און אויסטערלישע שוועריגקייטן איידער עס איז צושטאנד געקומען און פארמירט געווארן א אידישע פארטרערשאפט אין שפיץ פון קרית יואל, נאכ'ן מיטמאכן שטארקע רדיפות פון די פיינטליכע באהערדע ווען מען האט געזען בחוש אז די איינציגע מהלך וויאזוי צו קענען לעבן רואיג און ממשיך זיין אן ערליכע אידישע לעבנסשטייגער איז בלויז דורך גרונדן א אידישע ווילעדזש בברכת צדיק מרן רביה"ק זי"ע.**

## די פעטיציע ווערט אריינגעגעבן

ווי ערוועהנט איז די פעטיציעס, צו אונז ערלויבן זיך אפטיילן און גרונדן אן אייגענע ווילעדזש, געווארן אויסגעארבעט מיט זייער אסאך דעטאלן. מיר האבן אריינגעלייגט אין דעם געוואלדיגע כוחות, און מיר האבן געווארט אז עס זאל זיין א זמן מוכשר ווען מ'זאל דאס אריינגעבן, אז עס זאל האבן די מערסטע שאנסן אריבערצוגיין אן קיין פראבלעמען.

עס איז געווען ארום צוויי וואכן פאר ראש השנה ווען מיר זענען אריבערגעגאנגען צום טאון סופערווייזער 'ביל ראדזשערס', און מיר האבן אים איבערגעגעבן די פעטיציעס מיט דעם פארלאנג צו גרינדן אן אייגענע ווילעדזש מיט היימישע אידישע פארטרעטער.

איבעריג צו באטאנען אז במשך די גאנצע צייט איז יעדע שריט געטון געווארן מיט די פולסטע הסכמה און ברכת הקודש פון רביה"ק זי"ע. דער רבי זי"ע האט מיטגעהאלטן וויפיל שוועריגקייטן מען גייט אריבער אויף יעדן ריר און ער האט כסדר מחזק געווען אונז אלע, די עסקנים פאר'ן שטעטל, אז מען זאל פאראויסגיין מיט די ריכטיגע פעולות צו שאפן דעם אידישן ווילעדזש. דער רבי האט זיך כסדר נאכגעפרעגט און באגלייט די אנטוויקלונגען און אונז כסדר משפיע געווען זיינע הייליגע ברכות וואס איז בלי ספק געווען די איינציגע סיבה וויאזוי מיר האבן דאס געקענט אדורכשוויצן און ערלעדיגן, טראץ אלע אומגעהויערע עיכובים ווי שפעטער דערציילט.

מיר האבן די גאנצע צייט געהאט די הילף און ראט פון עטליכע פראפעסיאנאלע אדוואקאטן, אנגעהויבן מיט אונזער אפיציעלער לויער בערני דעוויס, וואס איך האב שוין דערציילט, וויאזוי מיר האבן אים אנגעטראפן נאכדעם וואס ער האט מצליח געווען ביי דעם קעיס פון די "יאגאס גרופע" אין הערימאן. דעמאלט האב איך אים געהייערט פאר אונזער קעיס און אסאך צייט בין איך מיט אים געזעצן. מען האט אים געדארפט אויסלערנען די א' ב' פון חסידים, פון אונזערע פראבלעמען. איך האב אים געדארפט מסביר זיין וואס איך וויל אז דא זאל געשען, און וויאזוי מיר ווילן דאס ערררייכן.

דער בערני דעוויס איז געווען אונזער לויער במשך די גאנצע צייט, ער האט זיך אריינגעווארפן פלייסיג אין די ארבעט, ער האט מיר כסדר געברענגט אינפארמאציע וואס ער האט געהערט פון יענע זייט, ער פלעגט גיין טרינקן מיט די לויערס פון יענע צייט און ער האט פון דארט


TO THE SUPERVISOR OF THE TOWN OF MONROE

In the Matter of the Incorporation of the Village of KIRYAS JOEL : PETITION FOR INCORPORATION OF VILLAGE

1. The undersigned owners of real property in the territory of the proposed Village of KIRYAS JOEL petition for the incorporation of the territory as a Village pursuant to Article 2 of the Village Law.

2. This Petition is made and signed by the owners of more than fifty percent (50%) of assessed valuation of the real property in the territory proposed to be incorporated assessed upon the last completed Assessment Roll of the Town of Monroe, being the Town in which the territory proposed to be incorporated is located.

3. There is annexed hereto and designated "Exhibit A", an affidavit of Meribeth N. Smith, Assessor of the Town of Monroe, certifying to the total assessed valuation of the territory proposed to be incorporated and the correct total amount thereof owned by the signers of this Petition.,

4. The name of the proposed Village is KIRYAS JOEL.

5. The territory proposed to be incorporated contains a population of at least five hundred (500) regular inhabitants, namely, approximately SEVEN HUNDRED AND NINE (709) persons who are regular inhabitants of the territory proposed to be incorporated and as such of the Town of Monroe.

6. The territory proposed to be incorporated does not include therein a part of a city or village; the limits of the territory do not contain more than five (5) square miles.

7. ABRAHAM WERTZBERGER, residing in the territory proposed to be incorporated at 24 Quickway Road, Apartment 6B, in the Town of Monroe, New York, SIMSON SALAMON, residing in the territory proposed to be incorporated at 38 Quickway Road, Apartment 3C, in the Town of Monroe, New York, and ABRAHAM LEFKOWITZ, residing at 1514 55th Street, Brooklyn, New York, are hereby designated as the persons on whom and at which addresses all papers required to be served in connection with the proceeding for incorporation shall be served.

8. Annexed hereto, designated "Exhibit B" is a description of the territory proposed to be incorporated.

9. Annexed hereto, designated "Exhibit C" is a list of the names and addresses of the regular inhabitants of the territory proposed to be incorporated.

WHEREFORE, the undersigned petitioners respectfully seek incorporation of the territory of the proposed Village to be known as KIRYAS JOEL, all as more fully set forth above.

Dated: November 5, 1976.

**די אפיציעלע פעטיציע וואס די לויערס פון קרית יואל האבן אריינגעגעבן צו פארמירן אן אייגענעם ווילעדזש**

ארויסגעצויגן פארשידענע וויכטיגע אינפארמאציע וואס איז אונז שפעטער צוניץ געקומען ביז צו די ערפאלגרייכע ענדע פון די שלאכט.

אויסער דעם, האבן מיר ביים אנהייבן צו ארבעטן אויף דעם ווילעדזש פראצעדור, אויפגענומען נאך עטליכע לויערס מיט ערפארונג אין דעם פעלד. דאס איז געווען אין צוגאב צו די לויערס וואס האבן געארבעט צוריקצושלאגן די ווייאלעישאנס וואס מען האט כסדר אונז געשיקט אפצושטעלן אונזער ווייטערדיגע בוי ארבעט.

## די העצער פונעם טאון ריען נישט קיין מינוט

דער טאון און מאנרא האט אויפגענומען זייער לויער מיט'ן נאמען סוויני, ער איז געווען דער פירער פון דעם לעגאלן קאמף קעגן קרית יואל און ער האט אפיציעלע פארטרעטן עטליכע איינוואוינער פון מאנרא, ווי פונקט ווי היינט אין בלומיגנראוו, זענען א גרויסע טייל פון זיי געווען אזעלכע פרייע אפשטאמיגע פון אידן ל"ע.

דער פירער פון דעם קאמף וואס האט זיך ארויסגעשטעלט מיט גרויס שנאה קעגן אונז

איז געווען א געוויסער פרייער איד מיט'ן נאמען עלען ליפמאן. גראדע ער איז געווען א לויער, און גאנץ אין אנהויב האב איך אים אפילו געוואלט נוצן לטובת דעם שטעטל. אבער מיט די צייט האט ער זיך ארויסגעשטעלט צו זיין פאר אונז א ביטערער שונא און א שטארקער שטערער, און ער האט געפירט דעם קאמף קעגן אונז.

ווי איך האב פריער דערציילט איז די פעטיציע איינגעגעבן געווארן צוויי וואכן פאר ראש השנה תשל"ז. ווען זיי זענען געוואויר געווארן דערפון זענען זיי ממש ארויס פון די כלים. ווייל דאס האט געמיינט אז מען האט זיי ארויסגענומען די לופט פון די רעדער. זיי זענען דא געווען געריישט אז זיי גייען ערקלערן א קאמף קעגן אונז און זיי וועלן נישט איינרוען ביז ווען זיי וועלן אונז האבן פאריאגט פון דא אינגאנצן. און דא פלוצלינג זענען מיר אנגעקומען מיט די בקשה אז מיר ווילן זיך אפרייסן פון זיי. דאס מיינט אז מיר וועלן זיין זעלבסשטענדיג, מיר וועלן האבן אונזער אייגענע אויטאריטעט, און זיי וועלן מער נישט קענען אריינרעדן קיין איין ווארט איבער אונז.

זיי זענען געלאפן צו זייערע לויערס, אבער זייערע לויערס האבן זיי קלאר געשטעלט אז עס איז פאר זיי א פראבלעם, ווייל געזעצליך איז נישטא קיין שום וועג וויאזוי צו קענען אפהאלטן א ווילעדזש. אפילו אויב געווענליך קען מען פרובירן צו פסל'ן די פעטיציע, אבער די סברא זאגט אז די חסידים האבן גוט געוואוסט אין וואס זיי גייען אריין און זיי האבן זיכער געארבעט זייער פארזיכטיג אז מ'זאל זיי ביי גארנישט קענען כאפן צו פסל'ן די פעטיציע.

הרשעים כים נרגש, האבן זיי דאס נישט געקענט אראפשלינגען און זענען געווען אנטשלאסן פארצוזעצן מיט די מלחמה עד הסוף.

## א "תקיעת שופר דרשה" אין טעמפל...

עס איז געקומען ראש השנה. דער רבי זי"ע איז געווען אין וויליאמסבורג אויף יום טוב, און דער גרעסטער רוב פון תושבי קרית יואל זענען אריינגעפארן אין דער שטאט כדי צו זיין אויף יום טוב מיט'ן רבי'ן אינאיינעם בצילא דמהמנותא.

נאך יום טוב ווען מען איז צוריקגעקומען קיין מאנרא האט מען געהערט ווי עס האט זיך געגרודערט מיט אונז אינעם 'טעמפל אוו מאנרא' זיי האבן דארט געהאט צעשטערטן ראש השנה צוליב אונז...

דער דערמאנטער ליפמאן וואס איז געווען דארט פון די אנגעזעענע מתפללים... איז מכובד געווארן מיט די 'תקיעת שופר דרשה'... ער האט דארט אויפגעטרעטן צווישן זיינע חברים און האט געהאלטן א העצערישע רעדע קעגן אונז. פעך און שוועבל האט ער געגאסן קעגן דעם ישוב פון די חסידים און בעיקר קעגן דעם פארלאנג וואס מיר האבן איינגעגעבן זיך צו פארמירן אין אן אייגענעם ווילעדזש.

ער האט געשריגן אז די גאנצע סיבה פארוואס מיר ווילן א ווילעדזש איז נאר ווייל מיר ווילן חרוב מאכן דעם טאון. מיט זיין פאנטאזיע האט ער מיט די שרעקעדיגסטע פארבן אויסגעמאלן וויאזוי דער טאון וועט אויסזען אויב דער ווילעדזש וועט


THE MONROE GAZETTE, MONROE, N. Y. 10950

THURSDAY, OCTOBER 7, 1976

SUPERVISOR OF THE TOWN OF MONROE

In the Matter of the Incorporation of the Village of Kiryas Joel.

NOTICE OF HEARING

TO WHOM IT MAY CONCERN:

PLEASE TAKE NOTICE that a petition for the incorporation of the Village of Kiryas Joel has been received, and according to law a hearing will be had upon the petition in the basement of Garden Apartment Building No. 5 (47 Quickway Road, Town of Monroe), a place within the territory proposed to be incorporated, on the 3rd day of November, 1976, at 8:00 P. M. The petition will be available for public inspection in the office of the Town Clerk until the date of such hearing.

PLEASE TAKE NOTICE that the purpose of the hearing is to consider the legal sufficiency of the petition, and objections to the legal sufficiency of the petition must be in writing and signed by one or more residents of the town. Any group of persons having one or more objections in common may make designation, in writing and signed by them, of at least one but not more than three persons giving the full names and addresses of designees, indicating where all papers required to be served in connection with the proceeding for incorporation, shall be served. A majority of the designees must reside in such town.

Dated: October 4th, 1976.

WILLIAM C. ROGERS
Supervisor of the Town of Monroe

**דער פאבליק הירינג איבער דעם קרית יואל ווילעדזש פעטיציע באשטימט אויף נאוועמבער 3**

באשטעטיגט ווערן.

די העצערישע רעדע האט אויפגעטון דאס זייניגע. דער טאון איז געווארן אויפגעקאכט עד אין לשער. יעדער איז געווען א שותף פאר דעם איינעם ציל צו באקעמפן דעם ווילעדזש, און אלע שונאים האבן זיך רע- ארגאניזירט, מ'האט מיט אלע מיטלען אנגעהויבן אונטערצוברעכענען און שטערן אונזערע פלענער.

## א פרישע מיטל אונז צו שטערן

באמת פון אונזער זייט איז אונזער פעטיציע טאקע געווען זייער גוט אויסגעארבעט און מיר האבן זיך שטארק באווארנט אז זיי זאלן דאס נישט קענען שטערן. אבער זיי האבן אויך מחליט געווען צו טון אלעס אויף דער וועלט אונז צו באקעמפן, און מען ווייסט דאך דעם כלל אז 'רצון ברעכט אייזן', נאכדערצו ווען דער רצון איז נישט צו בויען נאר צו ברעכן יענעם, איז דאס פיל גרינגער...

זיי האבן אויפגענומען לויערס וואס זענען געווען גרייט זיך אריינצולייגן אין די ארבעט, איבערצוקייען אלע פרטים און צו זען וואס זיי קענען פון אונטער דער ערד אויסטרעפן פארשידענע מיטלען מיט וואס זיי זאלן אונז קענען שטערן. זיי האבן אפירגעזוכט יעדע עצה און תחבולה אז מיר זאלן בשום אופן נישט האבן קיין ווילעדזש, און אז מיר זאלן זיך נישט קענען אפטיילן פון זיי.

דער כלל איז דאך אז 'מ'זוכט טרעפט מען'. זענען זיי צום סוף אויפגעקומען מיט א פלאן וואס האט אונז געשטעלט אין א גרויסן פראבלעם, מיט וואס זיי האבן אונז לייכט געקענט באזייטיגן.

אבער כדאי צו פארשטיין אין וואס פאר א דילעמע זיי האבן אונז אריינגעלייגט איז וויכטיג קודם אביסל זיך צו באקענען מיט די ניו יארקער געזעצן.

דער געזעץ אין ניו יארק לויטעט, אז זיך אפצורייסן און מאכן אן אייגענעם ווילעדזש, קען מען נאר כל זמן מען איז אין א טאון. אין אנדערע ווערטער מיינט דאס צו זאגן אז עס איז דא א מעגליכקייט זיך צו קענען אפרייסן פון א טאון און מאכן אן אייגענעם ווילעדזש. אבער אויב מען געפינט זיך אין א ווילעדזש קען מען נישט מאכן נאך א ווילעדזש און אוועקגיין פון אן עקזיסטירנדן ווילעדזש.

דא זענען זייערע לויערס אויפגעקומען מיט אן המצאה, חכמים המה להרע. וויאזוי אונז צו קענען שטעלן אין א פראבלעם.

דאס שטעטל מאנרא האט געהאט אין זיך צוויי חלקים. עס איז דא דער 'טאון אוו מאנרא' און דער 'ווילעדזש אוו מאנרא'. די צוויי זענען איינס נעבן דעם צווייטן. ביז יעצט זענען מיר געווען אין די גרעניצן פונעם טאון, ממילא איז שייך געווען די מעגליכקייט אז מיר זאלן זיך וועלן טיילן פון דעם טאון און ווערן אן אייגענעם ווילעדזש. אבער אויב קרית יואל וואלט זיך ווען געפינען אין די גרעניצן פונעם ווילעדזש אוו מאנרא, וואלט בכלל נישט געווען אזא מציאות אז מ'זאל זיך קענען אפטיילן, ווייל פון א ווילעדזש קען מען דאך נישט מאכן נאך א ווילעדזש.

זענען יעצט געקומען די לויערס פון די טאון חברה און פארגעשלאגן א פלאן אזוי. אז די איינוואוינער פונעם טאון זאלן אויך איינגעבן פעטיציעס אז זיי ווילן מאכן איינס פון דעם טאון אוו מאנרא מיט'ן ווילעדזש אוו מאנרא, וואס דאס וועט זיין דער גורם אז אויטאמאטיש וועט מער נישט זיין קיין טאון אוו מאנרא, ווייל אלעס וועט זיין א טייל פונעם ווילעדזש, און די קרית יואל איינוואוינער וועלן שוין האבן פון וועמען זיך צו טיילן, אזוי אז דער גאנצער מיה און פלאג וואס מ'האט שוין אריינגעלייגט ביז יעצט, און דער איינציגסטער שטראל פון האפענונג אויף וואס מען האט אזוי שטארק ארויסגעקוקט ביז יעצט, וועט אלעס צעפאלן און צעבלאזן ווערן.

ממחשה למעשה, די רשעים האבן נישט געדועט און זיי האבן זיך באלד גענומען צו זייער ארבעט צו פארלויפן דעם וועג פאר קרית יואל. זייערע לויערס זענען זיי געשטאנען צו דער האנט מיט טאט און ראט און צוגעהאלפן די גאנצע זאך אז זיי זאלן מצליח זיין צו קענען צושטעלן די פעטיציע.

## מדין און מואב מאכן שלום

עס דארף דא צוגעגעבן ווערן א וויכטיגער פונקט אז די צוויי מוניציפאליטעטן 'טאון אוו מאנרא' און 'ווילעדזש אוו מאנרא' זענען אלע יארן געווען ביטערע שונאים איינער פאר'ן צווייטן. אלע יארן האט מען זיך דארט געשלאגן אויף א ביטערן אופן. אזוי ווייט אז דער ווילעדזש האט געהאט טייכן פון וואו זיי האבן געהאט וואסער, אבער קיינמאל זענען זיי נישט געווען גרייט צו פארקויפן וואסער פאר'ן טאון. אזש דער טאון האט אין די ארגסטע טרוקענישן געמוזט ברענגען טרעילארס מיט וואסער אז זיי זאלן האבן עפעס וואסער. אזוי ביטער האבן זיי זיך פיינט געהאט. און דא פלוצלינג, ווען עס געקומען צו טשעפענען מיט די אידן, האבן מדין און מואב שלום געמאכט צווישן זיך. צום ערשטן מאל וואס זיי זענען גרייט געווען אויף אזא שידוך טראץ די לאנגיריגע

מיינונגס דיפערענצן צווישן זיך.

אלענפאלס, זיי האבן געטון דאס זעלבע ווי אונז. זיי האבן צוזאמגענומען א פעטיציע מיט חתימות פון 500 נפשות. אלע איינוואוינער פונעם טאון אוו מאנרא, אין וואס זיי האבן אריינגעגעבן זייער בקשה, אז זיי ווילן ווערן א טייל פונעם ווילעדזש אוו מאנרא. זיי האבן די בקשה איבערגעגעבן פאר'ן טאון סופערווייזער אז ער זאל זען צו ברענגען זייער פארלאנג לידי מעשה.

איר קענט זיך פארשטעלן וויאזוי מיר האבן דעמאלט געשפירט, מיר שטייען דא מיט א נייע שטעטל, מיר דארפן אזויפיל חיזוק, מיר זענען אזוי אנגעוויזן אויף הילף, דא האבן מיר שוין ענדליך עפעס אן אויסקוק וויאזוי מיר וועלן זיך קענען שטעלן אויף די פיס און זיך ארויסזען פון אונזערע פראבלעמען, אבער אונזערע שונאים האבן אונז איבערגעקלוגט און אונז דערלאנגט אזא פאטש, אז עס איז געווען שרעקליך, מה נאמר ומה נדבר.

איי מיר האבן אריינגעגעבן אונזער פעטיציע מיט צוויי וואכן פריער ? דאס האט נישט קיין סאך אויסגעמאכט. ווייל לויט'ן געזעץ האט דער טאון די רעכטן צו ווארטן 60 טעג פון ווען מען גיט אריין די א פעטיציע, ביז ווען זיי זאלן מחליט זיין אז זיי ווילן זיך נעמען דן זיין איבער דעם. ממילא, אזוי ווי אינעם טאון זענען זיי דאך געווען זייער שארף אויסגעשלאסן קעגן אונז, האבן זיי אונזער פעטיציע געלייגט אין א זייט, זיי האבן זיך נישט געהאט וואס צו איילן פאר די קומענדיגע צוויי חדשים, און זיי האבן פארשטעדנדליך מקדים געווען די פעטיציע וואס די טאון חברה האבן אריינגעגעבן. ממילא האבן זיי געוואלט יענס אפיר נעמען פריער, אזוי אז מיר זענען געשטאנען אין א זייער נישט גוט פאזיציע.

פארשטייט זיך אז ביי אונז האט די נייעס אויפגעריסן ווי א דונער אינמיטן העלן טאג, מיר האבן פשוט נישט געוואוסט וויאזוי דאס צו אויפנעמען און וואס מיר האבן ווייטער צו טון.


m2 ADVERTISER PHOTO NEWS Wednesday, October 6, 1976

# Monroe residents seek annexation

BY RITA MURPHY

MONROE - In reaction to the Satmar Hasidim move to become a separate village, neighbors of Monfield Development appeared before the Monroe Town Board Monday evening to seek annexation of their property to the village of Monroe. The incorporating of a village by the strict Orthodox sect would possibly avoid town prosecution by enacting their own zoning ordinances to supercede those of the town. The new proposed annexation plan presented by Monfield's neighbors includes most of the 39 residences on the outskirts of the Hasidic development as well as about forty homes in the nearby Elroy Development.

Town Attorney James G. Sweeney explained the request for annexation was made through two petitions. The first petition contained the signatures of 20 percent of the registered voters in the proposed area to be annexed. The second contained the signatures of those owning more than 50 percent of the area's total assessed value. The petitions were presented at a secret joint meeting of the Village and Town Boards last Wednesday, after the prior public notice requirement was waived.

The proposed annexed territory would virtually surround the Monfield Development, thereby negating the possibility of the establishment of a separate Hasidic Village, Kiryas Joel, since State law prohibits the creation of a village within the boundaries of another village. The attempt of the Monfield Development to incorporate into a separate village was precipitated when the State Supreme Court ruled that the Town of Monroe could inspect houses and apartments in the development believed to be in violation of town zoning ordinances.

A public hearing on the proposed annexation will be held October 28 by the joint boards, and if the petition is approved, an election among the voters in the affected territory will be held. With a majority of voters approving, the annexation would become effective shortly thereafter.

A public hearing on the proposed Hasidic Village, Kiryas Joel, will be held by the town board on November 3.

**די פרעסע באריכטע איבער דעם פארלאנג פון די מאנרא איינוואוינער צו צוזאמשטעלן דעם טאון אוו מאנרא מיט'ן ווילעזש אוו מאנרא כדי צו קענען שטערן קרית יואל**

**ליינט קומענדיגע וואך, וויאזוי דעם רבי'נס הייליגע ברכות האבן באגלייט זיינע געטרייע שלוחים צו אויספירן רצון קדשו און באשטימען א אידישע פירערשאפט וואס זאל ערמעגליכן די וואוקס און בליה פון די אידישע איינוואוינער.**




### צו די "שטימע" רעדאקציע

איך וויל מיך זייער באדאנקן פאר אייער זעלטנרייכע שטאב פון שריפטשטעלער וועלכע באווייזן וואך איין וואך אויס אהערצושטעלן קנאקעדיגע ארטיקלען זאפטיג און געשמאק אראפגעלייגט ס'איז באמת א פארגעניגן צו ליינען אויסער די תוכנ'דיגע ענינים וואס איר דעקט אלץ.

א באזונדערע דאנק קומט זיך פארן באשרייבן אזוי באריכות מיט אלע דעטאלן און פרטי פרטים דעם גאנצן מהלך פונעם אהערשטעלן דעם עירוב דא אין בלומינגנגראוו מיט די די גענויע מאפע לדעת את הדר"ך ילכו בה ואת המעש"ה אשר יעשון.

באזונדער קוקן מיר ארויס אז די חשוב'ע עסקנים פונעם רמב"ם עירוב זאלן טאקע זוכה זיין צו זיין לברך על המוגמר און אהערשטעלן פולשטענדיגע מחיצות ארום אלע געגנטער פון בלומינגראוו באנזאם, אזוי וועט די אלע דריי געגנטער פאראייניגט ווערן לפונדק אחד, בבחינת 'שלשה גביעים משוקדים בקנה אחד כפתור ופרח'.

צום שלוס וויל איך בעטן אויב מעגליך זאל "די שטימע" זיך אויך פארבינדן מיטן "ועד לתחום שבת" און דרוקן זייערע הלכה'דיגע אנווייזונגען מיט די מאפע בייגעלייגט, צו וויסן געגוי ביז ווי אהין מען מעג גיין, ווי ענדיגט זיך דער תחום שבת, און נאך פילע אנווייזונגען זיי האבן שוין אמאל מפרסם געווען אבער נישט יעדער איינער געדענקט די פארצווייגטע הלכות.

מ'זעט טאקע כמעט יעדע וואך אידן פון בלומינגגראוו האבן בליעה"ר שמחות און נעמען דעם שארטקאט קיין קרית יואל אדער פארקערט מזעט אידן פון שטעטל קומען קיין בלומינגגראוו, דארף מען טאקע פאר שבת אינזין האבן ארייַנצוואקן כדי קונה שביתה צו זיין במקום העירוב תחומין, דארף יעדער וויסן ווי עס ליגט, אדער איז גענוג אז מ'פארלאזט זיך אז די "ועד לתחום שבת" טוט שוין מזכה זיין די גאנצע שטאט פוןביידע געגנטער, ממילא קען מען אריינוואקן סיי ווען מ'וויל רואיגערהייט, וואס לכאורה זעט מען טאקע דעם עולם אזוי טוהן.

כ'האב אביסל מאריך געווען כפי המונח בזכרוני במקום וואס באלאנגט באמת פאר די וואס טוען דערין אבער בעיקר איז מיין שאלה אויב נאכדעם וואס דער געגנט האט באקומען א עירובי חצירות צו די ארגינעלע "תחום שבת מאפע" וואס איז געווען מפורסם אין די שולן פאר 2-3 יאר צוריק איז נאך אלץ די זעלבע שטח אדער צו ס'האט זיך עס מיט עפעס געטוישט.

א יישר כוח פאר מיינע ווערטער

המעוררים

* * *

ענטפער פון די רעדאקציע:

יישר כח פאר אייער דברי חיזוק, צוליב די איבערגעשטרענגטע ארבעט, זענען מיר דערווייל נאכנישט אנגעקומען צו ענדיגן די שמועס איבער די מהודר'דיגע רמב"ם עירוב, עס וועט אי"ה האבן פולע ברייטע דעקונג להנאת הציבור.

מיר וועלן פרובירן זיך פארבינדן מיט'ן ועד לתחום שבת, און ארויסלייגן די הוראות, דער ציבור זאל וויסן צו זיין געווארנט דערין.

# קהל דברי חיים צאנז זמיגראד

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# דעטאַלן און פּונקטן

## מעמד שבע ברכות רבתי

לרגל השמחה בבית צדיקים נישואי נכדת מרן רבינו שליט"א

**מוצש"ק יתרו תש"פ לפ"ק נטילת ידים בשעה 9:00**

**אין צוגרייטונג צום מעמד הגדול של שמחה וואו ס'ווערט דערוואַרט אַ ריזן ציבור תושבי העיר און ווי אויך תלמידים וחסידים מכל מקומות מושבותיהם להסתופף בצל הקודש בעידנא דחדותא, טוען מיר פארעפנטליכן די וויכטיגע אנווייזונגען און דעטאַלן, למען כבוד העם הנאספים ולמן השמחה הרוממה.**

### מאַנגעל אין פּאַרקינג

צוליב מאַנגעל אין פּאַרקינג פון אַזאַ גרויסע מאורע, **בעט מען אנ"ש תושבי בלומינגראוו וועלכע וואוינען אין די אַרומיגע נאָענטע גאַסן מ'זאל פּרובירן צו קומען צום מעמד הגדול בלויז צופיס**, כדי צו האַלטן די מינימאַלע פּאַרקינג-פּלאַץ פאַר די וואָס קומען פון ווייטערע געגענטער.

פאַר די וואָס קומען צו פאָרן מיט די קאַרס, בעטן מיר אַ בקשה מ'זאל פּרובירן אויף ווי ווייט מעגליך זיך צוזאמשטעלן עטליכע אין איין קאַר, אַזוי אַרום צו פאַרמיידן די פּאַרקינג-ערטער פון זיך איבערפולן.

### פּאַרקער און פּאַרקינג

אויף דער אינטערוועניץ פון די געטרייע עסקנים הנכבדים פון **"יו.זשעי.סי."** העוסקים בצרכי הציבור והעיר באמונה, וועט דורכאויס די גאַנצע נאַכט זיין אָנוועזנד ספּעציעלע פּאָליציי צו מאַנעווורירן די טראַפיק, און ווי אויך ווערט די גאַנצע **"מענגין"** גאַס באַלויכטן מיט **"טאַוער לייטס"**, צו דער באַקוועמליכקייט פון ציבור.

ווי אויך וועט זיין צוגעשטעלט נאָך פּאַרקינג ביי די **פּאַרקינג לאט נעבן דעם באַנק און ווילעדזש-האל אויף דער 208**, אַנטקעגן איבער "דועלק".

מיר בעטן בכל לשון של בקשה, יעדער זאָל אויספאָלגן די **אָנווייזונגען און דירעקציעס פון דער פּאָליציי** און חברים, כדי נישט צו פאַראורזאַכן אַן אָנגעלייגטקייט אינעם טראַפיק, און צו שאַפן אַ קידוש ה'.

### פּאַרקינג לאט שאָטעל

באַזונדער וועט זיין צוגעשטעלט א ספּעציעלער **"שבע ברכות שאָטעל", פון 9:30 ביז 12:30**, וואָס וועט קורסירן דורכאויס דעם מעמד פונעם פארקינג לאט ביזן ביהמ"ד אַהין און צוריק, פריי פון אָפּצאָל. מיר רעקאָמענדירן ווער ס'קען צו ניצן דעם בלויז דעם שאָטעל, סיי אויף צו קומען און סיי אַהיים נאָכ'ן מעמד המרומם.

### אויסשטעל פונעם מעמד הגדול

די ראשי העסקנים שטעלן בעז"ה אַהער אַ פראַכטפולן אויסלייג פאַר'ן ביהמ"ד הגדול, מיט אַ געניטן אויסשטעל ס'זאל קענען אַקאָמאָדירן דעם ריזן ציבור תלמידים וחסידים ותושבי העיר בלומינגראָוו להמוניהם.

דער "אויבנאָן" ווערט אויפגעשטעלט "על פני המזרח", וואו ס'וועלן באַשיינען הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, עיני העדה, דייני הקהלות, מרביצי תורה, ובראשם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

### סעודת מלוה מלכה און איבערבייס

א רייכע **סעודת מלוה מלכה**, לכבוד די שמחה בבית צדיקים וסעודתא דדוד מלכא משיחא, וועט ווערן סערווירט אין די ערשטע שעה'ן פונעם מעמד לכל העם הנאספים.

אינדרויסן **אויפ'ן גאַניק פאָרנט פון ביהמ"ד וועט זיין צוגעשטעלט ספּעציעל פּלאץ צו הענגען די מאנטלען** ווי אויך **קאלטע געטראנקען און לייכטע איבערבייס.**

### איש על מחנהו ואיש על דגלו

די **טישן לענגאויס** דעם היכל הגדול זענען רעזערווירט **"אויסשליסליך בלויז פאַר די בעלי בתים ואברכים".**

די נדיבים בעם, ראשי קהלות, אנשים מכובדים וועלן אי"ה געזעצט ווערן אויף די פאָדערשטע שורות, בעת די בעלי בתים ואברכים וועלן פּלאַצירט ווערן על מקומם הראוי להם, איש על מחנה ואיש על דגלו.

צוליב מאַנגעל אין פּלאץ, איז נישט צוגעשטעלט געוואָרן קיין בענקלעך פאַר בחורים און קינדער. מיר בעטן בכל לשון של בקשה, עלטערן וואָס ברענגען מיט קינדער, ביטע מאַכן זיכער אַז זיי פאַרנעמען נישט קיין פּלאץ פון אַנדערע מענטשן, נאָר זיי גייען אַרויף אויבן אויף די פאַרענטשעס.

### אמירת לחיים לרבינו שליט"א

כדי אָנצוהאַלטן די אָרדענונג פונעם מעמד, וועט מען נישט אריבערגיין במשך דעם מעמד צום אויבנאָן וואונטשן לחיים אָדער אָפּנעמען שיריים וכדו'.

מ'האָט ספּעציעל באַשטימט דעם זמן פון **"נאָכ'ן בענטשן"**, אַז דעמאָלט וועט יעדער קענען דורכגיין **פּערזענליך צו נעמען כוס של ברכה און געבן לחיים און מזל טוב פאר'ן רבי'ן שליט"א**, ולהתברך מברכותיו הטהורות בעידנא דחדוותא.

די שורה ביים אמירת **לחיים וועט לויפן "פון דרום צו צפון"** און מיר בעטן יעדן זיך צו האַלטן צו די פאַראָרדענונג פון די עסקנים.

### מתנה להעם הנאספים

בשעת'ן מעמד וועט אי"ה פארטיילט ווערן **דער נייער קונטרס "חידושי סיני", לקט אמרות טהורות מפום ממלל רברבין פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, וואָס איז געזאגט געווארן דאָהי בבית מדרשינו, אזוי אויך שיחות יקרות ביי סעודת מלוה מלכה, מלאים זיו ונוגה מפיקים, וקחו ברכה אל תוך בתיכם.

### רייכע פראגראם: שעות של תענוג וקורת רוח

במשך דעם 'שבע ברכות וועט זיין צוגעשטעלט אַ גאָר **רייכער פראגראם פון בדחנים און דרשנים**, וואס וועלן מהנה זיין באגרא דבי הילולא מילי, ובעלי השיר יצאו בשירה ובזמרה לכבוד העם הנאספים, מיט די זמירות לכבוד מלוה מלכה ולרגל המאורע.

בפרט וועלן געהערט ווערן די **דברי תורה** ודברי ברכה פון מחותן הגה"צ **אבד"ק טעטש** שליט"א; הגה"צ **רבי יואל האלבערשטאם** שליט"א **אבד"ק קיט"ל ד'סאטמאר בלומינגראָוו**; ובראשם **דברות קודש מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

### חסידים ואנשי מעשה הי' מרקדין

תיכף נאכ'ן בענטשן וועלן די עסקנים בליץ-שנעל אויסליידיגן דעם היכל הבימ"ד, און מען וועט זיך משמח זיין א לענגערע צייט שמחת חתן וכלה בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, ובכן צדיקים יראו וישמחו וישרים יעלוזו וחסידים ברינה יגילו, וואו מיר וועלן אלע פון די שמחת בית צדיקים אהיימנעמען הויפנס השפעות טובות לנו ולכל ישראל, אמן.

**אשרי עין ראתה שמחת קהלינו • בעלוץ צדיקים תעלוז קרי'!**

# BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS בלומינגראוו קלאסיפיידס

## לכו והתפרנסו זה מזה: ביזנעסער און סערוויסעס פון בלומינגגראוו איינוואוינער

| | | | |
|---|---|---|---|
| "Byldit" Construction<br>Moshe Shie Posen (845) 461-5244<br>Berl Posen (845) 500-1655 | Schwartz Appliances Repair - (845) 537-0328 | Shaklee Products - S. Weiss 845.782.8068 | Fresh Eggs - Wholesale & Retail Spitzer 845-782-1307 |
| | Experienced babysitter - willing to move into your house<br>B. Schreiber 845-637-5003 | DrewMe Drawing - E. S. Halpert (845) 866-(DREW) 3729 | On Field Builders Inc. 845-200-4149 |
| Tax Return - maximum refund - Shimon Yoel Kleinman - 380 lake shore - 347-699-3453 | Babysitting schwartz Forth Worth 845-781-7846 | Blinds installation<br>347-581-4051 משה שניצער | Decorative chocolate gift boxes or by the dozen Moshkowitz 845-782-4185 |
| Allede- Spot Lights instillation Yoel Oberlander 917-418-6474 | Upstate Aloe-Vera<br>נאטורליכע vitamins, creams, און נאך פראדוקטן<br>845-537-2257 | *Starting now!* Art fantasy for ladies and girls - Sternfeld 845-783-0474 | Haircut & Hairdresser<br>Z. Appel 845-782-4675 |
| Electrolysis, Waxing & Tinting<br>B.C. Spitzer - 329 Lake Shore DR<br>238.3343 - 917.618.2115 | Vitamins for Herpes and Strep<br>בדוק ומנוסה Falkowitz 845-783-2841 | The Purity Water Filtering Systems 845.783.6198 | HK & Cranial<br>L. Weiss 347-570-0827 |
| Handiman, Shelving & Lights Yoel Kaufman 845-200-1642 | Waxing & Electrolysis<br>Jabra 38 Duelk<br>845-637-4071 845-500-9864 | Upscale silk scarves<br>R. Glick 917-474-3356 | Perry's Hairdresser & Sheitel Wash & Set - P. Lowy (845) 783-0596 |
| Blinds & shades sales & installation Yossi Rosenfeld (347) 672-4929 | ראדאציץ שמש - אלע ערליי משקאות<br>845-323-6294 יהוסף שווארץ | Mattress all sizes - We Deliver<br>845-662-2941 ישעי' בראך | Photography - Pic a pose<br>E. Kellner 845-662-5180 |
| Jewelry - Unique deals<br>S. Weinstuck (845) 213-0547 | זמיגראדער קאך - פאר אלע אייערע<br>845-248-6411 שמחות און משקאות | Bakery - Heimisha Challah<br>Duelk 70 - היימישע חלות און מזונות<br>718-435-2760 מאשקאוויטש | Playgroup - Mendlowitz<br>(Felberbaum) 845-238-9152 |
| Oasis Photography<br>S. Halpern 917.586.8889 | CTI Construction -<br>Just call 845-442-2CTI (284) | דירות פאר שבתים - (פלאץ פאר עטליכע<br>845-248-6411 קאפלס) צו פארדינגען | Shaklee Vitamins (Shlomo weiss)<br>845.782.8068 |

צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם שרייבט צו: BGVoice@UJCofBloomingGrove.org

## ברכת מזל טוב

### לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

ר' **יואל** ב"ר שלום **אבערלענדער** הי"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט**

ר' **חיים ווינטערניץ** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעוותומ"צ**

ר' **שמעי' שפיטצער** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת





SPONSORS

Printout for BUSINESS

printcenter